STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04551

DI ZIKHERE VEG

Samuel Menahem Fine

*Permanent preservation of this book was made possible
by Edward & Pearl Brody
in memory of
Katherine Park & Martin Brody*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די זיכערע וועג

בעאָבאַכטונגען און ערקלעהרונגען אויף
פילע פראָבלעמען אין יודענטום

ממני

שמואל מנחם הלוי פיין

רב בעיר דעטראָיט, מיש.

ומלפנים רב בעיר אפשא פלך קאָוונא, ובעיר הפלך וולאַדימיר,
ובעיר מאָסקווא ובעיר טוועהר במדינת רוסיא

מחבר הספרים "זכרון שמואל" ב' חלקים על התורה; "פון אוי־
ביגען קוואַל" ב' חלקים; "איתן שמואל" למועדים וימים נוראים;
"ילקוט שמואל" על חתונות, בר־מצות והספדים; "אנשי שם",
ועוד ספרים בכ"י בהלכה ואגדה

תרצ"ח

Quality Printing & Publishing Co.
1714 Chestnut Street
St. Louis, Mo.

אסור השגת גבול ידוע

אזהרה לכל יהין שום איש להדפים ספר זה, וגם לא חלק ממנו,
ואף לא מאמר אחד, כי אם ברשות המחבר, או להזכיר
שם המחבר והספר

Copyright 1938, by Rabbi Samuel M. Fine

האדריסה להמחבר:

RABBI SAMUEL M. FINE

2664 RICHTON STREET

DETROIT, MICH.

DI SICHERE WEG

OBSERVATIONS AND COMMENTARIES ON PROBLEMS IN JUDAISM

By

RABBI SAMUEL M. FINE
OF DETROIT, MICHIGAN

1938

דער ספר איז געווידמעט צו
אונזער פאַראיין ״סטיין-
קאָהען פאַמיליע סירקעל״,
וועלכער איז געגרינדעט גע-
וואָרען אין חודש מנחם אב,
תרצ״ו, אין ניו יאָרק, נ. י.

THIS BOOK IS DEDICATED TO
STEIN-COHEN FAMILY CIRCLE
OF NEW YORK CITY
ORGANIZED IN JULY 1936.

צום לעזער

יעדע פארטיי וועלכע שטרעבט און ציעלט צו א געוויסע און באשטימ־טע ריכטונג אין לעבען, גיט ארויס פון צייט צו צייט, ביכער און זשורנאלען, וועלכע ערקלעהרען די נויטיגקייט פון דער פארטיי. איהרע גרונט־פרינציפען און איהרע שטרעבונגען צו אלעס וואס איז בעסער און שעהנער, נאך איהרע באגריפען, און איהר מיינונג, און גלייכצייטיג, פראפאגאנדירט זי אז מען זאל זיך אנשליסען אין איהרע רייהען, און דער געשריבענער ווארט האט טאקע א ווירקונג און ברענגט די געווינשטע רעזולטאטען. פאר וואס זאלען מיר אויך נישט טאהן וואס אנבעלאנגט צו אונזער תורה כמתוקנים שבהם.

ארויסגעבענדיג סיסטעמאטיש פון צייט צו צייט, ביכער און זשורנאלען, ערקלעהרען די הויכע אידעען פון דער תורה. אנווייזען ווי די תורה שטרעבט פאר דעם גליק פון דער מענשהייט בפרט און בכלל. און די וועלכע זיינען געגען דער תורה, פארשטעהען איהר נים, אדער ווילען נים פארשטעהען די באגריפען פון תורה.

ווארום, עס איז נאך נישטא אזא ספר אין דער וועלט, מיט חוקים צדיקים ומשפטים ישרים ווי דער תנ"ך. משה רבנו האט מבאר געווען די תורה אויף זיבעציג לשונות, כדי אלע פעלקער זאלען איהר פארשטעהן און לערנען.

דעריבער דוכט מיר, אז עס איז ראטהזאם, וואס איך גיב ארויס פון צייט צו צייט, אויך אזעלכע ספרים, וועלכע ערקלעהרען פארשידענע ענינים אין דער תורה, אין דער אידשער אומגאנגס־שפראך, אום אלע זאלען קענען געניסען פון געדרוקטען ווארט. און אויב מעהר אדער וויניגער וועט האבען דער דאזיגער ספר, א ווירקונג אויף דעם לעזער. והיה זה שכרי.

המחבר,

שמואל מנחם הלוי פיין

תוכן הענינים:

עמוד

א) די אייביגקייט פון דער תורה — 7
ב) תורה און לעבען — 17
ג) בתי כנסיות ובתי מדרשות — 24
ד) די תורה נעמט אַרום אַלע צווייגען פון לעבען — 29
ה) די עשרה הרוגי מלכות — 38
ו) די פאַרשידענע נעמען פון אונזער תורה — 43
ז) די ריכטיגע ליניע פון מזרחי — 48
ח) תורה און ערד־אַרבייט — 51
ט) דאָס רעכט צו לעבען אויף דער וועלט — 59
י) אָרגאַניזאַציע און איניגקייט — 66
יא) תלמידי חכמים און עמי הארצים — 70
יב) היטען שבת מאַכט רייך דעם מענשען — 75
יג) דער ערפאלג פון חנוך דורך טעאָריע און פראַקטיק — 79
יד) די לעהרע פון חנוכה — 82
טו) פון וואַנען שטאַמט דער מנהג פון תשליך — 88
טז) דער מענש מוז זיין זעלבסטשטענדיג אין זיינע מיינונגען — 91
יז) אָרימקייט איז דער רעזולטאַט פון ליגען און פאַלשקייט — 93
יח) דער איז אַ העלד, וועלכער פאַרלירט זיך נישט אין זיין געפאַלענקייט — 95

א.

די אייביגקייט פון דער תורה

אמר ר' חייא בר אבא אמר ר' יוחנן מ"ד נוצר תאנה יאכל פריה למה נמשלו דברי תורה כתאנה, מה תאנה זו כל זמן שאדם ממשמש בה מוצא בה תאנים, אף דברי תורה כל זמן שאדם הוגה בהן מוצא בה טעם.—ורש"י בפירושו: כל זמן שמשמש בה מוצא בה תאנים, שאינן מתבשלין בבת אחת אלא היום מעט ולמחר מעט, וכל שעה ראוי לאכול מהן.
עירובין נ"ד).

אַט פון דעם קורצען מאמר, קענען מיר לערנען און וויסען, זעהר גרויסע און וויכטיגע ענינים. און נעמליך, די אייביגקייט פון דער אידישער תורה, פאַר אַלע צייטען, און פאַר אַלע פאַרשידענע תקופות, אין דער מענשליכער געשיכטע. וואָרום אין דער היינטיגער מאָדערנער און ציוויליזירטער וועלט, וואָס אַ גרויסער טהייל פון דעם יוגענד האָבען אָקער געגעבען זייער נאַקען צו דער תורה, און האָבען זיך דערווייטערט פון מצות. אמונה איז זיי פרעמד געוואָרען, זיי בריקען מיט גאוה און האַס אין אַלעם וואָס איז הייליג, און טראָץ וואָס ביי אונז איז אָנגענומען ווי אַן אַבסאָלוטער אמת, דער כלל: "שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך".

דאָס הייסט, אַז מיר דאַרפען זיך פאַרלאָזען אויף די עלטערן וועלכע האָבען אונז געלערענט, קומען יעצט די קינדער און זאָגען אדרבה, מען דאַרף דעם סדר איבערקעהרען, און דאָס איז, אַז די עלטערן זאָלען זיך גאָר לערנען ביי די קינדער; די עלטערן דאַרפען הערען וואָס די קינ-

דער זאָגען, און די ערשטע צו געהן אין פראָנט זאָלען די יונגע, און די עלטערן זאָלען געהן נאָך זיי.

זעהר אַ טרויעריגע ערשיינונג מערקט זיך פאר אונזערע אויגען, די עלטערן האָבען געבויגען זייערע קעפּ פאַר די קינדער, און ניט ווי־לענדיג ווערט איינגעווארצעלט אַ אום געווינשטער געדאנק ביי די על־טערן, אַז פיליייכט זיינען טאַקע די יוגענד גערעכט אין זייערע מיינונגען און השקפות, אויך אויף דעם געביעט פון תורה און מצות, און מען דאַרף צו הערען וואָס זיי זאָגען, און באַשטעטיגען זייערע פרייע מיינונ־גען. און צו וואָס טאַקע זיך מוסר נפש זיין און אָפּהיטען אַלעס וואָס עס איז געשריבען אין תורת משה.

און אום גלייך מאַכען די קרומקייט, און אויסטרעטען אַ ריכטיגע גלייכע וועג. אוים וואָרצלען די טעותים פון עלטערן דור, וואָס אַנבע־לאַנגט צו די קינדער אין זייער לייכטזיניגען בליק אויף דעם ציעל פון מענשען און אויף דעם גאַנצען וועלט באַשאַף, קומען אונזערע אמת'ע חכמים אין דעם אויבענדערמאָנטען מאמר און גיבען צו פארשטעהן, און שטעלען אונז אויף דעם אמת, אַז עס איז ניט אַזוי ווי מען רעכענט, און נעמליך, אַז אַלעס וואָס אַנבעלאַנגט צו תורה און מצות, קענען מיר ניט און טאָרען ניט פארלאָזען זיך אויף דעם שכל און פאַרשטאַנד פון די יונגע, הערען זייער שטים און טאָהן וואָס זיי הייסען. ווארום זעהר טיעף און גרוים איז דער חילוק פון תורה ומצות, ביז אַלע ערדישע קערפּערלי־כע פארגעניגענס און תאוות. און אַזוי ווי עס איז ווייט מזרח פון מעריב, אַזוי איז ווייט דאָס ערשטע פון די צווייטע.

וואָרום אין אַלע ערדישע קערפּערליכע פאַרגעניגענס, איז דער מענש פאַראינטערעסירט הנאה האָבען און געניסען פון זיי, נור דאן, בעפאר ער האָט ערפילט זיין וואונש צו קריגען עס. איידער ער האָט זיך אָנגע־זעטיגט צו וואָס ער האָט געשטרעבט און זיך געיאָגט. ווען אָבער ער האָט ערפילט זיין פערלאנג און צופרידענגעשטעלט זיינע קערפּערליכע שטרעבונגען און פארגעניגען, דאַן ווערט ער קאַלט און זוכט מעהר נישט צו קריגען דיזעס. און מאַנכעס מאָהל ווערט איהם גאָר אי־

בערדריסיג, ערפילענדיג אַלע ערדישע וואונשען זיינע, און ער האָט איז גאַנצען חרטה אויף זיינע נאָכיאָגענישען צו עררייכען זיינע שטרע־בונגען, ווי די גמרא דריקט אוים: "רשעים מלאים חרטות".
אָבער וואָס אַנבעלאַנגט תורה ומצות, איז פונקט דער היפך. ווען דער מענש איז ווייט פון תורה ומצות און האָט ניט קיין אַהנונג אין דעם. ער איז ליידיג פון יעדען ערהאַבענעם געפיהל, ער איז פוסט פון יעדע מדה נכונה, דאַן וועט ער ניט האָבען קיין אינטערעס צו תורה ומצות, לערנען און מקיים זיין. אדרבה, עס איז איהם אָבשטויסענד פון אַלעם און ער איז דאָס ממאס, און ווי איינער אנטלויפט פון פייער, אזוי וועט דער באַ־טרעפענדער מענש, אנטלויפען פון אַלעם וואָס איז הייליג; פון אַלעם וואָס האָט אַ פאַרקעהר מיט אידישקייט. דער רעזולטאַט איז, אַז פיעל ער דערווייטערט זיך פון תורה און מצות, דערווייטערט זיך פון איהם די תורה צוויי מאָהל אַזוי פיעל. "אם תעזבני יום יומים אעזבך".

אנדערש אָבער ווען אַ מענש האָט מקבל געווען אויף זיך דעם יאָך פון תורה און מצות. ער האָט אויסגעקליבען די תורה פאַר אַ בעגליי־טערין אין זיין לעבען, עס פאַלט איהם נישט שווער קיינע קרבנות, אבי אָפהיטען די תורה און מקיים זיין מצות. אין אַזאַ אַרט לעבען, וועט דער מענש זיך ניט באַנוגענען מיט וואָס ער האָט אין האַנט, פון פריהער. דער מענש וועט ניט בלייבען שטעהן אויף דעם וואָס ער האָט אָנגעזאַ־מעלט ביז יעצט. נאָר פון טאָג צו טאָג וועט ער געהן העכער און הע־כער, און געווינען אַלעם מעהר און מעהר. ער וועט אָנשטרענגען אַלע זיינע קרעפטען און פאַרטיפען זיך מעהר אין יודענטום.

און מיט אונזערע אויגען האָבען מיר געזעהן, און אויך האָבען אונ־זערע עלטערען דערצעהלט, און עס איז פאַרשריבען אין דער געשיכטע, ווי די פריהערדיגע צדיקים און חסידים האָבען זיך מוסר נפש געווען פאַר תורה ומצות. און מיר לערנען אין מסכת סוטה, י"ג, ת"ר בא וראה כמה מצות חביבות על משה רבנו, שכל ישראל נתעסקו בבזה והוא נתעסק במצות, שנאמר, חכם לב יקח מצות. דאָס מיינט צו זאָגען, קום און זעה ווי מצות איז געווען באַליבט אויף משה רבנו, אַלע אידען זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין גאָלד און זילבער פון די בזת מצרים, און

משה רבנו איז געווען פאראינטערעסירט אין מצות, מיט צו נעמען יוסף הצדיק'ס ביינער.

דרש ר' שמלאי, מפני מה נתאוה משה ליכנס לארץ ישראל, וכי לאכול מפריה הוא צריך או לשבוע מטובה אלא כך אמר משה, הרבה מצות נצטוו ישראל ואין מתקיימין אלא בארץ ישראל, אכנס אני לארץ כדי שיתקיימו על ידי (סוטה י"ד). דאס מיינט צו זאגען: דעריבער האט משה רבנו אזוי געוואלט אריין געהן אין ארץ ישראל, כדי מקיים זיין די מצות וועלכע מען קען זיי אויסהיטען נאר אין ארץ ישראל.

דרש ר' סימאי, מאי דכתיב אוהב כסף לא ישבע כסף, זה משה רבנו שהיה יודע שאין שלש ערים שבעבר הירדן קולטות עד שלא נבחרו שלש שבארץ כנען, ואמר מצוה שבא לידי אקיימנה (מכות י'). דאס מיינט, משה האט געוואוסט אז די ערי מקלט וועלכע ער האט אויסגעקליבען אין עבר הירדן וועלען נים ערפילען זייערע פונקציעס בעפאר מען וועט אויסקלייבען נאך שטעדט אין כנען, נאר משה האט געזאגט, אז א מצוה וואס איז געקומען צו דער האנט וועל איך איהר מקיים זיין. משה רבנו וועלכער איז געווען פול מיט מצות ווי א מילגרוים (רמון), פון דעסטוועגען האט ער זיך נים באנוגענט מיט די מצות וואס ער האט געהאט פון פריהער, נאר ער האט געשטרעבט און זיך געיאגט מקיים זיין נאך און נאך מצות.

און דאס זעלבע געפינען מיר ביי תנאים ואמוראים, און שפעטערדיגע גדולי ישראל אין אלע צייטען, וועלכע האבען געזוכט מיט אלע זייערע קרעפטען צו טאהן וואס מעהר מצות.

דעריבער ווען דער יוגענד אין אונזער צייט וועלכער האט זיך דערווייטערט פון תורה און מצות, איז נים קיין וואונדער וואס יעדער טאג דערווייטערען זיי זיך מעהרער און מעהרער, און אזעלכעס וואס אונזערע עלטערן האבען זיך קיין מאהל נים דאס פארגעשטעלט.

און דאס באמערקט אונז דער אויבענדערמאנטער מאמר, וועלכען מיר האבען געבראכט: תאנים כל זמן שאדם ממשמש בהם מוצא מהם

טעם. צום ביישפּיעל, ווען אַ מענש באַריהרט די תאנים און נעמט אין מויל אַריין, דאַן געפינט ער אין די תאנים אַ טעם און אַ געשמאַק. אָבער ווען דער מענש זאָל די תאנים ניט ממשמש זיין און ניט נעמען אין מויל, דאַן וועט ער קיין טעם און געשמאַק ניט געפינען אין זיי, אַזוי איז אויך מיט תורה און מצות. נור ווען דער מענש איז עוסק און באַשעפ־טיגט זיך אין זיי, דאַן פיהלט ער דעם געשמאַק און זיסקייט, און וויל עררייכען אַלעס מעהרער און מעהרער. אָבער ווען דער מענש איז פויל, און וויל זיך ניט אינטערעסירען מיט תורה און מצות, איז ניט נור האָט ער חשק אויפצוטוהן אין תורה און מצות, נאָר אויך דאָס ביסעלע וואָס ער האָט אין האַנט, ווערט איהם איבעריג, און עס פאַלט אויף איהם ווי אַ שווערע לאַסט, וואָס צו יעדע מינוט וויל ער דאָס אַראָפּ וואַרפען פון זיך.

דער אויבענדערמאַנטער מאמר, ווייזט אונז אָבער אָן אויף נאָך אַ גאַר וויכטיגען פּראָבלעם אין אונזער לעבען, נעמליך, אז די תורה איז אַ אייביגע, און אַלעס איז אַנגעוואונקען אין איהר. אָט די אַלע פאַרשיע־דענע סאָציאַלע און קולטורעלע מיינונגען אין לעבען, אין אַלע צייטען און אין אַלע תקופות און דורות, איז פאַראַן זייער אָפּקלאַנג אין דער תורה. הפך בה והפך בה דכולה בה. אַלעס געפינט מען אין דער תורה. און רש״י אין זיין ביאור, אין אויסטייטשען דעם מאמר, איז דאָס אונז מגלה. תאנים שאינם מתבשלין בבת אחת, אלא היום מעט ומחר מעט, וכל שעה ראוי לאכול מהם. דאָס מיינט, אז פייגען ווערען ניט פאַרטיג אַלע מיט אמאָהל, נאָר יעדען טאָג ביסלאַכוויים.

וואָרום, איינס פון די דרייצהען עקרים, וואָס מיר זאָגען אין ״אני מאמין״, איז, אז אונזער תורה איז אַ אייביגע, זי וועט קיין מאָהל ניט פאַרביטען ווערען אויף אַ צווייטער תורה, און קיין אַנדער תורה וועט ניט עקזיסטירען פון רבש״ע. און דאָס מיינט צו זאָגען, אַז די משפטי התורה, און מצות, זיינען אין איינקלאַנג צוגעפּאַסט און צוגעטראָפען פאַר אַלע צייטען אין דער מענשליכער געשיכטע, און פאַר אַלע פאַר־שיעדענע פאָרמען אין לעבען, און פאַר אַלע סאָציאַלע פאַסירונגען וועל־כע עס וועלען טרעפען אין דער וועלט. דעריבער מוזען מיר געפינען

דעם אפקלאנג פון אלע פארשיעדענע מיינונגען און שאטירונגען. אויב דער פונדאמענט זייערער איז אמת וצדק, האבען זיי אן ארט אין דער תורה. און די תורה האט שוין פון לאנג אנגעוויזען אויף זיי. און אויב ס'איז יא אזוי, איז ווי באלד, מיר געפינען פילע שטות אין אונזער צייט, אז זיי האבען אן ארט אין דער תורה, און די תורה האט עם פאראויס געזעהן, און האט עם בעהאנדעלט, ואין לך חדש תחת השמש, קען מען אויך נעמען אין אנבעטראכט אז אין פארלויף פון דער צייט, אין איהר היסטארישען וועג, און אין די פארשיעדענע סבות פון לעבען, דורך די נייע ערפינדונגען, וועלכע עם ווערען ענדעקט טאג טעגליך, וועלען מיר געפינען א ריכטיגען און קלאהרען טעם אויך אויף די מצות און חוקי התורה, וואס היינט צו טאג, ווייסען מיר עם ניט, און באגרייפען ניט דעם טעם זייערען, ווי שעטנז, כלאים, קרבנות, פרה אדומה עגלה ערופה, א. ז. וו., אויך די מצות וועלען ענדעקט ווערען זייער ליכט און זייער גרויסקייט, און מיר וועלען מוזען מודה זיין אז די מצות זיינען א נויטווענדיגקייט, און א לעבענס גייסט הערשט אין זיי.

און דעריבער איז דאך די תורה אן אייביגע לדור דורים, און וואס מיר ווייסען ניט היינט, און ס'איז וואונדערליך אין אונזערע אויגען, וועלען מיר עם ווייסען מארגען, אדער שפעטער, און דאן וועט עם מעהר ניט זיין פארוויקעלט און פארדונקעלט.

צום ביישפיעל גאר אין די אלטע צייטען, ווען די וועלט האט זיך געענומען דאן ערשט ענטוויקלען, און דער כח האגרוף, דער פויסט, האט געשפיעלט די הויפט ראלע, דער שטארקער האט געהערשט איבער דעם שוואכען, און דער גרעסערער האט איינגעשלונגען דעם קלענערען, דער רייכער האט זיך געהאלטען פיעל העכער פאר דעם ארימאן, דער פאבריקאנט האט געדריקט זיינע ארבייטער, און א גרויסער בארג, האט פארנאנדערגעטיילט די קלאסען מענשען איינע פון די אנדערע, און זיי זיינען קיינמאהל ניט צוזאמען געקומען, און קיין שום פארבינדונג איז נישט געווען צווישען זיי.

אט אין יענער פרימיטיווער צייט, ווען עס איז נאך קיינעם ניט

אַרויף דער געדאַנק אַז מען קען איין אָרדענען די וועלט אין אַזאַ פאָר־מע, אַז עס זאָל ניט זיין קיין שטאַרקער און שוואַכער, גאָר רייכע און גאָר אָרימע, רויבער און געראויבטע, די פון דעם זייט זאָלען לעבען אַ גוטען טאָג, זיך באָדען אין לוקסוס, נאָכגעבען אַלע פאַרגעניגנס אין דער וועלט, און די פון דער צווייטער זייט, זאָלען ליידען אָרימקייט, נויטה און אַנגסט, זאָלען אויסגעהן פון הונגער און קעלט. אין יענער צייט האָט מען ניט בעטראַכט מיט אַ בעזונדער אויפמערקזאַמקייט, אויף די דינים פון שמיטה און יובל, וועלכע די תורה זאָגט אָן אויף זיי. שמיטה קומט אויסרייסען פון הארצען די מדה פון גאוה און די אומבאַגרעניצטע שטאָלצקייט. דער רבוש"ע האָט געזאָגט, כי לי כל הארץ, זרעו שש והשמיטו שבע, כדי שתדעו שהארץ שלי (סנהדרין ל"ט).

און ביי יובל שטעהט אויך, והארץ לא תמכר לצמיתות כי לי כל הארץ. דאָס מיינט, אַז קיין ערד קען ניט ווערען פאַרקויפט אויף אייביג פון איינעם צום אַנדערען. ווייל די ערד בעלאַנגט צו גאָט. און פאַר־קעהרט, מען איז געקומען מיט תביעות און טענות פאַר וואָס האָט טאַ־קע די תורה געשריבען אַזעלכע דינים ווי שמיטה און יובל אַז די ערד טאָר ניט ווערען פאַרקויפט אויף אייביג. און דורך דעם קען קיינער זיך ניט ערווערבען גרויסע רייכטימער און אייגענטום פאַר זיך און קינדער לדורות עולמים. אָבער מיט דעם גאַנג פון דער וועלט־געשיכטע, מיט די ענדערונגען וואָס קומען פאַר אין אַלע הינזיכטען פון לעבען, וואָס עס האָט געהערשט ביז יעצט, סיי אויף דעם פּאָליטישען געביעט און סיי אויף דעם עקאָנאָמישען געביעט, און אויך אין אַלע צווייגען פון דער וויסענשאַפט, הערען מיר נייע שירים און נייע לידער. עס זיינען אויפ־געשטאַנען מענשען וואָס ווילען איינאָרדענען דעם גאַנצען לעבענס־סיסטעם אין אַזאַ פאָרמע, אַז עס זאָל ניט זיין רויבער און געראויבטע. דריי־קער און געדריקטע, גרויסהאַלטער און געשלאָגענע. אמת, אַז אָט דער געפּלאַנטער אָרדנונג איז נאָך ניט געקומען צו זיין הויך ווי עס דאַרף זיין. עס איז נאָך ניט געפונען געוואָרען די ריכטיגע ליניע און די ריכ־טיגע וועג וואָס אַלע מענשען זאָלען קענען אין איהר געהן. עס זענען פאַראַן פילע געגנער צו די דאָזיגע פּלענער, אָבער גענוג איז, אַז די פּלע־

נער שטעהען אויף דער טאָגעס אָרדנונג אין פילע מדינות און לענדער. מען דיסקוטירט און מען אַרגומענטירט שטאַרק וועגען דעם נייעם סיס־טעם, און עס האָט געשלאָגען טיפע ווארצלען אין אַלעמענס הערצער. מ'קען זיך שוין ניט אומקעהרען צו דער אַלטער אָרדנונג אין לעבען ווי אין די אור־אַלטע צייטען.

אַט יעצט קאָנען מיר זיך איבערצייגען אין דער ערהאַבענהייט און וויכטיגקייט פון די דינים פון יובל און שמיטה, און וואָס דער מענשלי־כער פערשטאַנד, האָט עררייכט אין טויזענדער יאָהרען, נאָך שרעקלי־כע רעוואָלוציעס און איבערקעהרענישען, נאָך פילע בלוט־פארגיסונגען, און פלאַמען פייער, נאָך אומגעהויערע מלחמות און פארשידענע תחבולות, האָט עס שוין אונזער תורה לאנג געזאגט און באווארענט מיט טויזענדער יאָהרען בעפאר, און דאָס איז די דינים פון שמיטה און יובל, וואָס אַ גרויסער טייל פון די היינטיגע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע ער־רייכונגען, איז אַ אינדירעקטאַר רעזולטאַט פון אַט די דינים.

און אזוי באַגרייפען מיר נאָך פרשיות אין דער תורה מיט דעם גאנג פון לעבען, און די אַנטוויקלונג פון דער אַלגעמיינער מענשליכער וועלט־געשיכטע, וואָס ביז יעצט האָבען מיר עס ניט פארשטאַנען, און נעמ־ליך, נאָך די סדרה יתרו, די פרשה פון מתן תורה, וואָס ג' ב"ה האָט אויפגעשטורמט די וועלט מיט זיין געבען אידען אַ געטליכע תורה, אויף דעם באַרג סיני. און גלייך נאָך די סדרה יתרו ערקלעהרט אונז די תורה, די דינים פון קנעכטשאַפט. כי תקנה עבד עברי, האָט דען די תורה ניט געהאט קיינע אַנדערע וויכטיגערע פּראָבלעמען מיט וואָס און פון וואָס צו שרייבען, נור פון קנעכטשאפט, וועלכע פארנעמען ניט אַזאַ געהויבע־נעם אָרט אין דער געזעלשאפט. נור אז מיר זעהען וואָס עס קומט פאָר און וואָס עס טהוט זיך אין די לעצטע יאָהרען, ווי די עבדים און פועלים האָבען אויפגעהויבען זייערע קעפּ, און האָבען געמאכט אַ וועלט איבער־קעהרעניש, און פיל בלוט איז פארגאָסען געוואָרען ביז צום היינטיגען טאָג, און פיעל בלוט גיסט זיך נאָך אַלץ, און ס'איז נאָך ניט געענדיגט. מיר ווייסען ניט וואָס דער מאָרגען וועט געבען און צו וואָס די קאָנ־פליקטען וועלען דערפיהרען, ווער אויף וועמען וועט זיעגען, און ווער

וועט געווינען. איז ווען ג' ב"ה האט געוואלט ריכטיג פארזארגען און איינארדענען די אידען אלס א גליקליכע נאציאן, ער זאל לעבען רוהיג און גליקליך אלס א פאלק. עס זאל ניט פארקומען ביי איהם א זעלכע איבערקעהרענישען און רעוואלוציעס, האט ג' ב"ה צום אלעם ערשטען, געפונען פאר נויטיג, איינארדענען די קנעכט, אוועקשטעלען זייער פולע רעכט, אלס ארבייטער און אלס מענש, אום עס זאל ניט פארקומען קיין ווידערשטאנד פון זייער זייט, ווייל מען בארויבט זייערע רעכטען און זייער עקזיסטענץ.

מיר האבען זיך אויך שטענדיג געוואונדערט, און ניט פארשטאנען, ווארום ווערט ניט דערמאנט אין דער תורה פון עולם הבא און תחיית המתים, וועלכע זיינען מעיקרי היהדות. נאר אין אלע ערטער וואו עס האנדעלט זיך וועגען צאהלען שכר פאר לערנען תורה, און היטען מצות, ווערט נאר דערמאנט עולם הזה, די וועלט. דאס מיינט, אז גאט וועט צאהלען זיין לוין פאר היטען תורה מיט מצות אויף דיזער וועלט, אזוי לויטעט אין פרשה בחוקותי און אין פרשה עקב, און אין קריאת שמע, און אין נאך ערטער אין דער תורה. אבער יעצט פארשטעהען מיר עס ריכטיג. יעצט אז מיר לעבען אין אזא שרעקליכער תקופה, אין א צייט פון כפירה און אפיקורסות, אין א צייט אז וואס מען זעהט ניט מיט די אויגען, גלויבט מען ניט. די מעהרסטע פון יונגען דור איז ווייט פון אמונה און הייליגקייט, מען איז אריין געטאהן אין קערפערליכע פארגעניגענס און אין לוקסוס. עס איז געקומען אזוי ווייט אז א גרויסע מלוכה, איז איינע פון איהרע הויפט פרינציפען כפירה באלק', לייקענען אין דעם יסוד כל היסודות, אין דעם עיקר פון אלע עקרים. זיי פארשפרייטען און פראפאגאנדירען די געפעהרליכע לעהרע צווישען די ברייטע מאסען און שיכטען פון פאלק, איז, ווען אונזער תורה וואלט געווען פארזיכערען דעם שכר איהרען לעולם הבא, דאן וואלטען די כופרים און אפיקורסים געהאט א פתחון פה, און וואלטען קומען מיט טענות און תביעות, מיט געפילדער און געשריי, זעהט ווי די אידישע תורה וויל אונז נארען, זי רעדט פון עולם הבא און תחיית המתים, אזעלכעס וואס מען קען ניט אויפווייזען דעם אמת פון די פראבלעמען,

די תורה פארבלענדעט אונז די אויגען מיט אזעלכעס וואס מען קען זיך ניט איבערצייגען, אין דער וואהרהייט, און ריכטיגקייט פון דעם. מען קען עס ניט קאנטראלירען. דעריבער האט די תורה געשריבען אז דעם שכר וועט זי צאהלען אויף דער וועלט, אז דער יעניגער וועלכער וועט היטען תורה און מצות, וועט לעבען א גליקליך לעבען אין אלע פרטים, אום מען זאל קענען איהר קאנטראלירען צו איז אמת וואס זי פארזי־כערט און זאגט צו.

מיר געפינען אויך אין נאך פיעלע אנדערע ערטער אין דער תורה, וואס מען זעהט קלאהר און דייטליך אז די תורה איז א געטליכע און א אייביגע און זי פאסט פאר אלע דורות, תקופות, און צייטען. דאס אלעס אין אנגעוואונקען אין דעם מאמר וואס מיר האבען געבראכט אויבען, די תורה איז געגליכען צו פייגען (תאנים), און ווי רש"י ערקלעהרט עס, אז די נאטור פון פייגען, איז צו ווערען פארטיג און פרוכטבאר ביסלעכ־ווייס, היינט אביסעל און מארגען אביסעל, אזוי איז אויך די תורה, פאר־שטעהן איהר אין גאנצען מיט אמאהל איז אוממעגליך, ווייל די תורה איז אן אייביגע, און איז געגעבען געווארען פאר אלע צייטען, און דורות, נאר מיט דער צייט, מיט די פילע ענדערונגען וואס עס קומט פאר אין לעבען, דאן הויבט מען אן ערשט פארשטעהן, דעם זינן פון דער תורה. די ליכטיגקייט וואס עס קוקט ארויס פון איהרע דינים און משפטים פאר דעם גליק און וואהלזיין, פאר דעם איינצעלנעם מענשען ווי פאר דעם כלל.

און פון דעם קענען מיר דרינגען אז אויך די מצות, וואס היינט ווייסען מיר ניט זייער טעם, אז אין דעם גאנג פון דער וועלט־געשיכטע וועט אונז קלאהר ווערען דער טעם, אזוי ווי די אויבען דערמאנטע מצות איז אונז קלאהר און באוואוסט געווארען, ומשה אמת ותורתו אמת.

ב.

תורה און לעבען

ועד יום מותו צריך האדם להתיסר ולא בתעניתים וסיגופים רק ברסן פיו ובתאותו, וזהו התשובה. וזה כל פרי העולם הבא כמו שכתוב כי נר מצוה ותורה אור וגו' אבל ודרך חיים תוכחת מוסר.—(דאָס מיינט זאָגען, און ביז זיין לעצ־טען אָטעם, מוז דער מענש זיך אליין שטראָפען, אָבער ניט פייניגען זיך דורך תעניתים און אנדערע קערפערליכע אָפּ־צעהרונגס־מיטלען, נור מאַכען אַ צוים אויף זיין מויל און ניט שטענדיג פלאָפלען און אויך ניט נאָכגעבען זיינע ערדי־שע פארגעניגענס, און דאָס איז די גרעסטע תשובה, וואָס אַ מענש קען טהון, און דאָס איז די פרוכט וואָס מען קען צו־קומען צו עולם הבא. (אויסצוג פון ווילנער גאון'ס בריוו צו זיין פאַמיליע).

והעולם הזה דומה לשותה מים מלוחים ידמה לו שמרוה וצמא יותר, — (דאָס מיינט, אז די אַלע פארגעניגענס אין דער וועלט איז גלייך ווי איינער טרינקט געזאַלצענע וואַ־סער. איהם דורכט זיך אַז ער האָט געשטילט זיין דורשט, אָבער אין אמת'ן ווערט ער נאָך מעהר דורשטיג (פון דעם זעלבען בריוו פון ווילנער גאון).

דער ווילנער גאון אין זיינע געצעהלטע ווערטער, וועלכע ריהרען אָן די טיעפעניש פון דער נשמה, קריטירט ער זייער שאַרף און שנייד־דענד די מעשים פון דער היינטיגער וועלט אין וועלכער מיר לעבען און

מיט זיין שאַרפען קוק, און שטרענגען טאָהן, וועגדעט ער זיך צו די היינטיגע יונגע לייט צו די מאָדערנע מענשען, פאר וואָס זיי גיבען זיך צו פיעל אָפּ צו קערפּערליכע פאַרגעניגענס און פאַרשייטע לוקסוס.

און פון צוויי שטאַנדפּונקטען ערקלעהרט ער זיין שטעלונג ערש־טענס ווייזט ער אָן אויף די פאַרדאָרבענהייטען און די ווילדשאַפט פון זייערע טהאַטען, און ער איז זיי מתרה אַז די ענדע וועט זיין זעהר בי־טער אויב זיי וועלען זיך ניט אָפּקעהרען פון די וועגען וועלכע זיי טרע־טען, און צווייטענס: ערקלעהרט ער אָפען און ווייזט מיט דעם פינגער, אויף זייער גרויסען טעות אין דעם געדאַנקענגאַנג פון דער תורה, און לעהרנען אין איהר פאַלשע פשטים, און פאַרקעהרטע אויסטייטשונגען. און נעמליך, די היינטיגע מאָדערנע ציוויליזירטע מענשען קומען מיט טענות און תביעות אויף דער תורה.

זיי זאָגען, אַז די תורה האָט פאַרצאַמט פאַר זיי די וועג פון הנאה האָבען פון פיעלע פאַרשידענע פאַרגעניגענס, און פון אַלע קערפּערליכע ערדישע געגוס. די תורה מאַכט ענג זייערע טריט, און זיי קענען ניט געהן און טאָהן אַלעס וואָס זייער אויג זעהט, און וואָס די האַרץ גלוסט. וואָרום, ווייל אויף יעדער טריט און יעדער טהאַט וואו זיי קעהרען זיך און ווענדען זיך, זיינען זיי אַרום גערינגעלט מיט פילע דינים. דאָס מעג מען, און דאָס טאָר מען ניט. דאָס איז כשר, און דאָס איז טריף, און נאָך פילע אַזעלכעס. אויך אויפ'ן מויל און צונג, האָט אונזער היי־ליגע תורה ארויף געלייגט איהר סטעמפּעל, און אַ מענש טאָר נישט ריידען אַלעס וואָס עס קומט איהם אַרויף אויף זיין געדאַנק.

די תורה האָט שטרענג פאַרזאָגט רעדען לשון הרע, רכילות, שווערן פאַלש, זאָגען ליגען, לצנות און ניבול פה. און אַזוי רעכענען זיי אוים די היינטיגע מאָדערנע מענשען אַלע גזרות און באַגרענצונגען, אַלע געזע־צען און שוועריגקייטען וואָס די תורה האָט באַגרעניצט און שווער גע־מאַכט פאר דעם מענשען, און עס איז נישטאָ קיין איין גליעד ביים מענ־שען וואָס די תורה האָט איהם ניט באַשווערט מיט עפּעס אַ חומרא, און האָט אויף איהם נישט אַרויפגעלייגט אַ שלאָס, אַז ער זאָל ניט קענען אַרוים פון זיין צוים.

אָבער אריינטראכטענדיג אין די אנגעלעגענהייטען אביסעל טיע־פער און קלעהרער, און ווען מיר מאַכען אַ שטיקעל חשבון הנפש ווערט פאַר אונז קלאָהר ווי דער טאָג, אז די אַלע טענות האָבען ניט קיין גרונד. און זיינען אויף שפּין-געוועב באַזירט. די טענות קומען נאָר פון קלות הדעת און אויבערפלעכליכקייט, און מיט איין ריהר ווערען זיי פונאנדער־געפאלען און צו בלאָזען. אין אמת'ן גערעדט האָט די תורה ניט פאַר־צאַמט פאַר דעם מענשען יעדען פאַרגעניגען פון וואָס ער קען געניסען. די תורה ערלויבט דעם מענשען עסען און טרינקען און הנאה האָבען פון לעבען. די תורה פאַרפליכטעט יעדען מענשען נעמען אַ פרוי און האָבען קינדער. און ווי די גמרא דריקט אוים דאַרף ער זוכען אַ שעהנע פרוי: אין אשה אלא ליופי (כתובות נ"ט), און נעמען אַ פרוי איז איינע פון די ערשטע מצות אין דער תורה. די תורה איז דאַגעגען, אז אַ מענש זאָל זיצען אין תעניתים, און זיך פייניגען. ווי די גמרא דריקט אוים, כל היושב בתענית נקרא חוטא. דאָס מיינט צו זאָגען, אז דער וואָס פּיי־ניגט זיך איז אַ זינדיגער. און אין ירושלמי סוף מסכת קידושין שטעהט, אז דער מענש וועט מוזען געבען חשבון, אויב ער האָט ניט גענעסען אַלעם וואָס זיין אויג האָט געזעהן. און אין פרשת ראה שטעהט בכל אות נפשך תאכל בשר, דו זאָלסט עסען פלייש וויפיעל דו ווילסט און ווי־פיעל דו דאַרפסט.

אַ ביישפּיעל האָבען מיר די גרויסע סעודה וואָס אברהם אבינו האָט געמאַכט פאַר די מלאכים אורחים וועלכע ער האָט זיי פאַררעכענט פאַר מענשען, און אויך די גרויסע סעודות, און די רייכע באַנקעטען וועלכע שלמה המלך פלעגט אַראַנזשירען פאַר די פאַרשיעדענע געסט, וואָס פלע־גען קומען צו איהם אויף אַ בעזוך. און אויך אפילו אין פעלע וואו די תורה האָט אונז פאַרבאָטען, האָט זי עס אונז ערלויבט אין אַנאַנדער אָרט און אויף אַנאַנדער אופן. די תורה האָט פאַרבאָטען בלוט האָט זי ערלויבט עסען לעבער וואָס דער טעם איז פון בלוט. זי האָט פאַרווערט עסען דאָס חלב פון אַ בהמה, האָט זי מתיר געמאַכט די חלב פון א חיה. די תורה האָט פאַרוועהרט עסען חזיר, האָט זי מתיר געווען מוחא דשיבוטא, וואָס דער טעם איז ריכטיג ווי פון חזיר, (חולין דף ח').

און דאָס זעלבע איז אויך וואָס אָנבעלאַנגט צו קליידער. רבי יוחנן האָט גערופען די קליידער וואָס אַ מענש טראָגט מכבדותיה. דאָס הייסט אַז מען געהט שעהן אָנגעטאָהן איז דאָס אַ כבוד פאַר דעם מענשען. און די קליידער וואָס דער כהן גדול האָט געטראָגען וועלכע זיינען געווען גענייהט און געוועבט פון די בעסטע פורפיר וואָהל געפלאָכטען צוזאַמען מיט גאָלד. און אויף זיין שטערן האָט ער געטראָגען דעם ציץ של זהב.

די אַלע פאַרשיעדענע זילבערנע און גאָלדענע כלים וואָס עס איז געווען אין בית המקדש, און ווי די גמרא דריקט זיך אויס, אין עניות במקום עשירות. דאָס מיינט, אַז קיין שום שפור פון אָרימקייט האָט זיך נישט באַוויזען אין בית המקדש.

און אויך אונזערע עלטערען אברהם יצחק ויעקב זיינען געבענשט געוואָרען מיט גרויס רייכקייט אין אַלעם, און אויב אַז מ'זאָל ניט טאָרען געניסען מיט דעם פולען מויל פון אַלע פאַרגעניגענס, וואָס איז עס פאַר אַ ברכה. די תורה איז אויך פול מיט גרויסע הבטחות: מטל השמים ומשמני הארץ, אויב מ'וועט געהען אין די וועגען פון דער תורה און פאָלגען איהרע געבאָטען, איז עס דען חלילה פטומי מילי בעלמא, סתם אַזוי זיך גערעדט?

אָבער אין אמת'ן גערעדט, מעג מען יאָ געניסען פון אַלע פאַרשיעדענע הנאות און פאַרגעניגען אין דער וועלט, נאָר דאָס אַלעס איז ערלויבט מיט אַ געוויסער מאָס און אַ צאָהל — צוליב דעם מענשענס גליק אליין. דער מענש מעג עסען און טרינקען. אָבער ניט זיין קיין זולל וסובא. ער איז מחויב צו נעמען אַ פרוי, כדת משה וישראל. אָבער ניט אויס ברענגען אַלע זיינע קרעפטען אויף פרויען, וועלכע זיינען צו איהם ניט ערלויבט. ער מעג עסען פלייש צו זאַט, אָבער ניט קיין טרפה. ער מעג טרינקען וויין, אָבער ניט שכור'ן. און אַזוי מיט אַלע פאַרגעניגענס, וואָס עס איז פאַראַן אין לעבען. מען מעג פון אַלעם געניסען, אָבער ניט אַריבער כאַפּען די מאָס, און ער זאָל בריקען פון פיעל זאַטקייט און פיעל פאַרגעניגען, ווי עס שטעהט אין פסוק, וישמן ישורון ויבעט. שמנת עבית כשית ותשכח ד' מחוללך.

די תורה שטעהט פעסט שטאָהל אייזען געגען נור אַזעלכע לוקסוס און פארגעניגען וועלכע קענען דעם מענשען אַראָפּפיהרען פון גלייכען און עהרליכען וועג. די תורה איז נור געגען פארשייטקייט און פאַרדאָר-בענהייט, די תורה איז געגען ווילדשאפט און משוגעת. געגען פרעסען און זויפען, אָבער די תורה איז ניט געגען אַזעלכע פארגעניגענס וועלכע פאַרשטאַרקען און מאַכען קלעהרער דעם מענשענס שכל און דעת. און ער געפינט זיך מוטיהגער און קרפעטיגער ווען ער געניסט פון די פאַרגעניגענס. עס איז אמת, אז דער יצר הרע לאָזט ניט דעם מענשען ער זאָל זיך פיהרען אין דעם מיטעל-פונקט, אין דער גילדערנער וועג. יעדען טאָג ברענט אין איהם די תאוה, אז ער זאָל אַריבער געהן דעם גרעניץ און ער זאָל טאָהן אַלעס וואָס זיין הארץ גלוסט, און אַלעס איז ערלויבט, אַלעס איז רעכט. אָבער דער דאָזיגער וועג איז זעהר געפעהרליך, און זי שפּארט אָן אין די טיפעניש פון גיהנום, און די ענ-דע איז זעהר ביטער. ער ברענגט אום זיין קערפּער מיט די נשמה.

וואָרום ווען דער מענש ערפילט אַלע זיינע גראָבע ערדישע קער-פערליכע פארגעניגענס, ווערט איהם דאָס לעבען איבערדריסיג, און צו-לאַסט און ער האָט מעהר קיין ציעל אין לעבען. וואָרום, דער גאַנ-צער עקזיסטענץ פון די וועלט, פון איינצעלנעם ווי פון כלל, איז באַזירט אויף'ן קאַמפּ, וואָס יעדער קעמפּט פאַר זיין לעבען און עקזיסטענץ. יע-דער איינער וויל עררייכען דאָס וואָס ער האָט ניט, ער וויל גרייכען דאָס וואָס עס איז העכער פון איהם. יעדער מענש וויל פאַרשטעהען דאָס וואָס עס איז פארהוילען פון איהם. יעדער וויל וויסען די פאַרבאָרגענע סודות פון די נאַטור און קומען צו אַ באַשטימטען רעזולטאַט, און די כאַראַק-טערען פון מענשען זיינען פארשיעדען. דער בויט און דער צווייטער ברעכט. דער געהט אַרויף און דער אַראָפּ. דער פלאַנצט און דער רייסט. און דאָס זעלבע איז ביי גאַנצע פעלקער אויך. און אזוי ווערט די וועלט געבויט. און ווען דער מענש עררייכט זיין באַגעהר אין פולען, דאַן הויבט ער אָן געהן ריק-וועג, אַראָפּ און אַראָפּ.

אזויאיז אויך מיט אַ גאַנצען פאלק. ווען ער קומט צום שפּיץ פון זיין

גליק, און ער הערט אויף ענטוויקלען זיינע גייסטיגע קרעפטען און איי־גענשאפטען, געהט ער מיט שנעלע טריט צוריק ארונטער. און עס ווערט פון איהם גאר ניט.

אנדערש איז ווען דער מענש האט א שטענדיגען קאמף מיט זיך זעלבסט. מלחמת הטוב והרע. ער פיהרט אן א גרויסע מלחמה, ווי צו באזיעגען זיינע ערדישע קערפערליכע שטרעבונגען און שטרעמונגען. ער איז פארטיעפט ווי צו שטארקען די גוטעס אויף די שלעכטעס, און ווי צו נעמען די איבערהאנט אויף דעם יצר הרע, וועלכער געפינט זיך אין איהם. איז דאך אין דעם אליין, זאל ליגען דער סוד פון זיין לע־בען און עקזיסטירען. ווייל יעדער טאג קומט איהם צו עפעס נייעס וואס ער האט נעכטען ניט געוואוסט, ואין שמחה כהתרת הספיקות.

אבער נישט אזוי איז מיט א גרויסען טייל פון אונזער יוגענד אין דער איצטיגער צייט, פון דער היינטיגער וועלט. מיט איין מאך מיט דער האנט האבען זיי אלעס אפגעווישט, און זיי טהוען אלעס וואס זיי־ער הארץ גלוסט. אלעס איז זיי ערלויבט, און נאך גאר פון זייער פרי־הער יוגנד האבען זיי ערדרייכט אלעס וואס זיי האבען געוואלט. זיי הא־בען זיך ניט פארמידען פון אלע ערדישע קערפערליכע פארגעניגענס. עסען און טרינקען אלעס וואס עס קומט נאר צו דער האנט. אלע טעג איז ביי זיי ווי ימים טובים. אט מיט אזא מין פיהרונג איז נאטירליך אז זיי פאנגען אן געהן צוריק־וועגס. און זיי געהן און ווערען געשטרוי־כעלט און פאלען אין גאנצען. און אין די בעסטע יאהרען נידערען זיי אין קבר. און דאס איז זעהר א טרויעריגע ערשיינונג אין דעם לעבען פון היינטיגען דור. פון א גרויסען טייל פון אונזער יוגענט, אין די גרויסע שטעדט, וועלכע שטראמען מיט הונדערטער טויזענדער מענשען.

און די גאנצע אונזערע פאריגע רייד איז אנגעדייטעט אין די איינ־ציגע קלאהרע שארפע ווערטער פון דעם אומשטערבליכען ווילנער גאון ז״ל.

ערשטענס, אז א מענש דארף זיך ניט פייניגען דורך פארשיעדענע יסורים. ניט דאס איז דער וועג, און ניט דיזעס פארלאנגט ג—ט. נור

דער מענש זאָל איינהאלטען זיינע תאוות און קערפערליכע אינסטינקטען, צאמען דעם מויל און דעם צונג. און ביז זיין לעצטען אָטהעם, מוז ער קעמפפען מיט זיך אליין. ער מוז זיך באוואָרענען מיט אלע מיטלען, ווי אויסצורייסען פון זיך אלע שלעכטע זיטען און געוואָהנהייטען, און מיט דעם גופא, קויפט ער זיך איין אין דעם אייביגען לעבען, ודרך חיים תוכחת מוסר.

ג.

בתי כנסיות ובתי מדרשות.

ואהי להם למקדש מעט אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל (מגילה כ"ט ע"א).

בית המקדש! אַט דער פּרעכטיגער פּאלאַץ, אַט דער הויכער בארג, וואָס אַלע האָבען זיך געקעהרט צו איהם, אַט דער פּלאַטץ וואָס אַלע אויגען זיינען געווען געווענדעט צו איהם. אַט די גרויסאַרטיגע הויז וועלכע האָט אין זיך פאַראייניגט די הערצער און נשמות פון גאנצען אידישען פאלק. אַט דער אָרט וואָס איז די הייליגקייט פון אַלע הייליג־קייטען. אַט דער אָרט וואָס די שכינה האָט אין איהם גערוהט, און פילע נסים (איבער נאַטירליכקייטען) האָט זיך אָפּגעשפּיעלט אין איהם.

אַט די געהויבענע הויז האָט געהאט אַ דרייענדיגע אויפגאבע. ער־שטענס, פאר געטליכע ענינים, דאָ איז ערפילט געוואָרען די פונקציעס פון מענש צו ג—ט, דאָ זיינען געווען כהנים בעבודתם ,ולוים בדוכנם. די כהנים האָבען מקריב געווען אַלע קרבנות, וועלכע עס פאַרבינדען דעם מענשען מיט ג—ט. אין דער הויז האָט דער כהן גדול געבעטען אום יום־כפור, אַ סליחה מחילה וכפרה פאר אַלע אידען, און גליקליך איז דער מענש, וועלכער האָט דאָס געזעהן.

צווייטענס, דער בית המקדש, האָט ערפילט נאַציאָנאַלע פונקציעס. וויל דריי מאָהל אין יאָהר: פּסח, שבועות, סוכות, האָבען אַלע אידען

געמוזט קומען אין בית המקדש. און ווי שעהן איז געווען אָט דער הער־ליכער בילד. די אידען פון אַלע זייערע ווינקעלאַך, וואו זיי האָבען גע־לעבט, וואו זיי האָבען זיך געפונען, וואו זיי זיינען פאַרשפּרייט געוואָ־רען, קלייבען זיך צונויף דריי מָאהל אין יאָהר אין איין פּלאַץ, אין בית המקדש. איז דאָס דען נישט געווען די שעהנסטע און גרעסטע היסטאָ־רישע ערשיינונגען אין דעם אידישען פאָלקס־לעבען. האָט עס דען נישט געהאט די ווירדע פון גרעסטען נאַציאָנאַלען וועזען, וואָרום אין אַזעלכע גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען פון אַלע אידען צוזאַמען, האָט מען גע־קאָנט באַשטימען און באַשליסען אַלע וויכטימע פאָלקס אינטערעסען, אי־נערליכע ווי אויסערליכע. פאַרבינדען אַלע אידען אין איין קערפּערשאַפט. אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע און אַלעס זאָל קומען אין אָרד־נונג. פיל גליק און גוטעס ברייננט מיט זיך אַזעלכע אספות, אַלע אי־דישע מאַססען האָבען מיט די אויגען געזעהן זייערע פיהרער און וועג־ווייזער, און מיט די אויערען געהערט די פלאַמענדיגע רעדעס פון זייערע לעהרער, און צו אַלע אידען איז געוואָרען ליכטיג.

און פאַר דיזער אויפגאַבע איז אויך געווען די מצוה פון מעשר שני. אַז אַלע אידען זאָלען עס עסען אין ירושלים. וואָרום די מעהרסטע פון אידישען פאָלק, זיינען געווען עובדי אדמה, ערד־ארבייטער און נאָך אַזעלכעס. און די פשוט'ע ארבייט איז ניט מסוגל צו בילדען און לער־נען דעם מענשען צו עטוואָס העכערס און ערהאבענעס, און אויב זיי וועלען ניט אָפטער באַזוכען די הויפּט־שטאָט פון אַלע אידען, וואָס דאָרטען איז געווען דער ריכטיגער אָרט פון תורה און חכמה. דער אָרט פון גרויסע תלמידי חכמים און ווימענשאפטסלייט, קאָן דאָך מיט דער צייט פּאַסירען, אַז אַלע זאָלען פאַרגעסען זייער שטאַם און דעם רבש"ע, און פאַרבלייבען פּראָסט און אומוויסענד וואָס דאָס מיינט דער אונ־טערגאַנג פון פאָלק.

דעריבער האָט די תורה אָנגעזאָגט דעם דין פון מעשר, וואָס עס איז אַ חוב אויף יעדען איינעם, אַז ער זאָל עס עסען אין ירושלים. און ווען ער וועט דארפען פערוויילען אַ לענגערע צייט אין ירושלים, ביז ער וועט פאַרברויכען די גאַנצע מעשר־שני, וועט ער אונטער דער צייט, שטרע־

בען צו לערנען פון די אידישע גרויסע געלעהרענטע און תלמידי חכמים, פארשידענע דינים און וויסענשאפט, בנוגע צו יהדות און אנושיות.

און דיזער געדאנק איז אנגעוואונקען אין ספרי. עס ווערט גע־בראכט אין תוספות בבא בתרא, דף כ״א ע״א, בד״ה, כי מציון תצא תורה, וכו׳, למען תלמוד ליראה וכו׳, גדול מע״ש שמביא לידי תלמוד לפי שהיה עומד בירושלים עד שיאכל מע״ש שלו, והיה רואה שכולם עוסקים במלאכת שמים ובעבודה, היה גם הוא מכוון ליראת שמים ועוסק בתורה.

א דריטע אויפגאבע האט דער בית המקדש געהאט, און נעמליך, א קולטורעלע. ווארום די אויפגאבע פון די כהנים איז אויך געווען צו לערנען און פארשפרייטען די תורה צווישען די אידען און פאלקס־מאַ־סען ווי עס שטעהט אין פסוק. כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו. אויך זיינען די סנהדרי גדולה געזעסען אין לשכת הגזית, אין בית המקדש, און אין אלע שווערע פראבלעמען וואס איז פארגעקומען אין לעבען, און אין אלע קאמפליצירטע פראגען האבען זיי געזאגט זייער מיינונג און לעצטעןווארט.

אין בית המקדש האט אויך געהאט אן ארט, א מענש פון אן אנדער גלויבען. א פרעמדער צו אידען. עס האט ניט אויסגעמאכט, ווער עס זאל ניט זיין, זיינען די טירען פון בית המקדש, געווען אפען פאר איהם, עס ווערט דערמאנט אין שלמה המלך׳ס תפלה (מלכים א׳ ח׳), וגם אל הנכרי אשר לא מעמך ישראל הוא ובא מארץ רחוקה למען שמך וכו׳, אתה תשמע השמים מכון שבתך ועשית ככל אשר יקרא אליך הנכרי וכו׳.

דאס זעלבע געפינען מיר אויך אין ישעיה ק׳ נ״ו, כי ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים.

און ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארען. אידען זיינען צו־שפרייט געווארען אין אלע טהיילען פון דער וועלט, און וואו זיי קומען האבען זיי ניט קיין מנוחה. אבער די פונקציעס פון בית המקדש האבען זיי ניט אויפגעגעבען, ווייל דעם ארט פון בית המקדש, האט פארנומען

דער בית המדרש, וועלכען אידען בויען אין יעדען אָרט, וואו זיי באַזעצען זיך, און צענטראַליזירען זיך אַרום איהם. די גרויסע גייסטיגע כחות פון בית המקדש האָבען זיי איבערגעטראַגען אין אַ קלענערער מאָס אין בית המדרש.

אויך דער בית המדרש, ערפילט די אויבען דערמאָנטע פונקציעס: רעליגיעזע, קולטורעלע און נאַציאָנאַלע. אין בית המדרש ווערט געדאַווענט דריי מאָהל אַ טאָג. אין בית המדרש ווערט געלערענט, גמרא, משניות, עין יעקב, א. ז. וו., דאָרט ווערט געהערט דער קול יעקב. אין בית המדרש קומט פאָר אַלע פערזאַמלונגען פאַר לאָקאַלע אינטערעסען, און פאַר אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע. אַלע פאַרשיעדענע צדקות ווערט פונאַנדערגעטיילט אין בית המדרש. יעדער פאַרביטערטער מענש, יעדער צובראָכענע הארץ, יעדע צעוויטאָגטע נשמה, געפינט זיין אָרט אין טרייסט אין בית המדרש. פון בית המדרש איז נאָך קיינער נישט אַרויסליידיג. דער בית המדרש איז שטענדיג געווען דער פיהלענדער און לעבעדיגער נערוו, אין יעדער שטאָדט און שטעדטעל, ווי דער בית המקדש איז געווען פאַר דעם גאַנצען כלל ישראל. און דאָס איז דער געדאַנק פון מאמר וועלכער איז אויבען געבראכט געוואָרען.

און ווי גרויס איז דער ווייטאָג, און ווי טיעף איז דער וואונד, צו זעהען אַז די שוהלען וועלכע האָבען געבראכט אַזוי פיעל גוטעס, און האָבען פאַרשפּרייט אַזוי פיעל ליכט אין יעדען אידישען ווינקעל, וואו זיי האָבען זיך געפינען, זיינען ביי היינטיגען טאָג, אַראָפּ פון דער סצענע, און זיינען ניט מעהר קיין פאַקטאָר, און שפּילען ניט קיין ראָלע אין לעבען. זיי זאָלען פאַרזעצען שמידען די אידישע נשמה.

די בתי מדרשים און בתי כנסיות, זיינען וויסט פון תורה און תפלה. מען זעהט אין די שוהלען נאָר געצעהלטע איינציגע אַלטע לייט אין וועלכע עס האַלט זיך אויף קאָם די נשמה, און די קומען עס דאַווענען און האַלטען אַ ספר אין האַנט. אָט די אויסגעלאָשענע מענשען זיינען נאָך אַביסעל פאַראינטערעסירט אין די בתי מדרשים און בתי כנסיות,

אָבער דער יוגענט די פרישע בלוט, די יונגע קרעפטעז, האָבען פארלאָזען דעם בית המדרש, און ווילען איהם מעהר ניט וויסען.

ווי שטאַרק און שרעקליך איז די מליצה פון בעריהמטען פּאָעט חיים נחמן ביאליק, ז״ל:

כותלי בית המדרש קירות הקדשים מחבא רוח
איתן מקלט עם עולמים למה כה תעמדו דומים
וכנואשים הטו צללים שחורים צללים נאלמים.

אָבער אונזערע האָפנונגען זיינען נאָך שטאַרק, אז עס וועט קומען די צייט און עס וועט מקויים ווערען דער מאמר חז״ל (מגילה כ״ט): תניא רבי אליעזר הקפר אומר, עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל שיקבעו בארץ ישראל. דאָס מיינט צו זאָגען אז יענע שוהלען, וועלכע זיינען געשטאַנען אין בבל און פילע יאָהרען האָט געפלאָסען פון זיי ליכט און גוטסקייט, און נאָכהער זיינען זיי אונטערגעגאנגען, וועט קומען די גליקליכע צייט, אז די אידען וועלען זיך צוריק קעהרען אין זייער היימלאנד, אין ארץ ישראל, און וועלען לעבען במנוחה, דאן וועלען די שוהלען און בתי מדרשים צוריק פאַרנעמען זייער געהעריגע פּאָזיציע און חשוב׳ן אָרט אין אידישען לעבען, צו פאַרשפּרייטען פיעל גוטעס און ליכטיגקייט.

ד.

די תורה נעמט אַרום אַלע צווייגען פון לעבען

שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך.

אַ מוטער האָט געהאַט צוויי זיהן, איינעם אַ רייכען און אַ צווייטען אַ אָרימאַן. דער רייכער זוהן האָט אויסגעבילט פאַר דער מוטער זעהר אַ שעהנע הויז, מיט אַלע אימפּרואווּמענטס, און מיט רייכע מעבעל, אויך האָט ער אָנגעטאָהן דער מוטער אַ גאָלדענע קרוין אויף איהר קאָפּ, ברי־ליאַנטען און פּערל אויף איהר האַלדז, און ער האָט איהר אויסגעקליי־דעט מיט די בעסטע סאַמעטענע און זיידענע קליידער, אָבער פאָלגען די מאַמען וואָס זי זאָגט, דאָס האָט ער קיינמאָהל ניט געטהון. פאַרקעהרט, ער פלעגט אויף איהר אָנפאַלען מיט זלזולים און שימפּ־ווערטער.

דאַגעגען, דער אָרימער זוהן, האָט דער מוטער די אַלע רייכקייטען ניט געקענט געבען. ווייל ער אַליין האָט עס אויך ניט פאַרמאָגט, אָבער ער האָט דער מוטער פיל כבוד און עהרע געגעבען. איהרע ווערטער זיי־נען געווען ביי איהם הייליג און טהייער. און נישט נאָר האָט ער געהיט און געפאָלגט וואָס די מוטער האָט גערעדט, דייטליך און פינקטליך, נאָר אפילו וואָס די מוטער האָט אָנגעוואונקען, האָט ער עס באַלד אויסגע־פאָלגט. און אַז מען האָט אַ פרעג געגעבען דעם אָרימען זוהן, די סבה, וואָס ער האַלט דער מוטער אַזוי טהייער, און דער רייכער ברודער האָט פאַר דער מאַמען קיין רעספּעקט, — האָט ער געענטפערט, אַז איבער דריי אורזאַכען רעספּעקטירט ער דער מוטער:

ערשטענס, זאָגאר זי איז דאָך אַן אַלטע פרוי, אַ איינגעבויגענע, אַ איינגעשרומפּענע, אַ איינגעקאָרטשעטע, אָבער ווען מען פארקניפּט מיט איהר אַ שמועס, זעהט מען איהר גרויסע חכמה און פארשטאַנד. עס ווערט אָנגעצונדען איהרע צוויי שווארצע ליכטיגע ברענענדיגע אויגען, מען צייגט זיך איבער, אז זי איז פול מיט לעבען, מיט מוטה און ענערגיע, וואָס אפילו גאָר די אינגסטע פארמאָגען ניט איהרע אלע אייגענשאפטען. איהרע ווערטער זיינען געציילט, געוואוינען און געמאָסעטן. יעדער וואָרט איהרער, האָט אַ בעזונדער בעדייטונג, און מען קען זיך גאָרניט אפּוואונדערען פון איהר גרויסען פערשטאַנד. מיין רייכער ברודער, איז קיין מאָהל ניט געווען אין איהר אַנוועזענהייט, און האָט מיט איהר קיינמאָהל ניט פארבראכט, דעריבער האָט ער ניט קיין אהנונג צו שעצען איהרע מעלות און בעגאבטקייט.

צווייטענס, די מאַמע איז מיר זעהר געטריי און איבערגעבען, זי היט מיין הויז מיט איהרע לעצטע קרעפטען, ווען איך געה אַרויס אדער פאָהר אוועק פון הויז, איז מיר די האַרץ זיכער, אַז עס וועט קיין זאַך נישט פאַסירען, ווייל די מאַמע היט אַלעס. און ווען נישט די מאַמע, וואָלט אויפּפאַסען, וואָלט איך שוין לאַנג אויף דער וועלט נישט געווען.

דריטנס, מיין מאַמע האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז זעהר רייך. איהר באַנק ביכעל טרעפט אַן הונדערטער טויזענדער דאָלארען, און זי וועט עס מיר איבערלאָזען בירושה, און וואָס די מאַמע זאָגט בין איך איבערצייגט, אז עס איז אמת. נו! פאר וואָס זאָל איך ניט ליב האָבען און רעספּעקטירען אזא מוטער.

דאָס גלייכען, די אידישע תורה האָט צווייערליי קינדער, רייכע און אָרימע. די רייכע אידען בויען פאַר די תורה גרויסארטיגע טעמפּלען. זיי טהוען אָן די תורה גאָלדענע קרוינען, זיי באַפּוצען איהר מיט בריליאַנטען און פערל, די מענטעלאך און די גארטלען זיינען גענייהט פון די בעסטע און טייערסטע זייד און פלוש. זייערע גייסטיגע פיהרער קריגען הויכע שכירות, אכצעהן און צוואנציג טויזענד דאָלאר אַ יאָהר. אָבער דאָס אַלעס איז בלויז אויסערליך. צו פאָלגען און מקיים זיין די

תורה, און אַלעס וואָס שטעהט אין איהר, פון דעם זיינען זיי ווייט. וואָס הערט זיך מיט שבת, מיט כשרות, מיט טהרת המשפחה, תפילין, ציצית, מזוזה און זאַ ווייטער, און ווייטער, פון דעם אַלעס איז מאַן דכר שמיה.

די תורה האָט אָבער אָרימע קינדער אויך, וועלכע קענען ניט בויען קיינע רייכע טעמפּלען פאַר די תורה און איהר פּוצען אין גאָלד און זיל-בער. זי האָט געהאט זעהר אַ טהייערען זוהן ר' אליהו בן שלמה זלמן ז"ל, (וועלכער איז באַוואוסט ביי אַלע אידען מיט דעם נאָמען דער ווילנאַ'ר גאון ז"ל), ער איז געוועזען אָרים. עס איז ניט געוועזען אַ שטיקעל ברויט אין שטוב פאַר די קינדער. די פאַמיליע זיינע מיט איהם צוזאַמען, האָבען געליטען הונגער און קעלט. דאַגעגען אָבער איז ער געוועזען זעהר איבערגעגעבען פאַר תורה און מצות. ער האָט זיך מוסר נפש געוועזען פאַר יעדען אידישען מנהג וועלכער איז נאָר אָנגעוואונקען אפילו מיט אַ רמז קל. ער האָט די תורה ניט אָנגעטאָהן קיין קרוין, דאַגעגען אָבער האָט ער די תורה געהאַלטען ווי אַ קרוין אויף זיין קאָפּ.

דאָס אידישע פאָלק האָט אין יעדער צייט און אין יעדער תקופה אַרויסגעגעבען פון זיינע רייהען טייערע קינדער און זיהן, וועלכע זיי האָבען פאַרשיינט די גאַנצע וועלט מיט זייער תורה און חכמה, און אַז מען האָט אַמאָהל געפרעגט דעם ווילנער גאון, ווארום איז ער אַזוי אי-בערגעגעבען פאַר תורה מיט מצות, מיט אַזאַ מסירות נפש, האָט ער גע-ענטפערט, ווי יענער ארימער זוהן, וואָס איז געוועזען געטריי דער מו-טער, און ער האָט געזאגט: די תורה איז איין אַלטע, זי איז געגעבען גע-וואָרען מיט טויזענדער יאָהר בעפאַר אויף דעם באַרג סיני. אָבער זי איז אימער ניי. די נייעסטע אידעען און פּראָגראַמען קענען זיך נישט פאַרגלייכען מיט איהר. אין דער תורה געפינען מיר אַ פּתרון צדק אויף אַלע אָנגעוועהטאָגטע, שווערע פּראָבלעמין פון לעבען. אין דער תורה איז פאַראַן אַ פּראָגראַמע, ווי אַזוי מען זאל לעבען אויף דער וועלט, און זיך אויפפיהרען. צום גליק פאַר זיך אַליין און פאַר דער וועלט, סיי אין פּרט און סיי אין כלל. פאַר דעם יחיד ווי פאַר דעם צבור. און דאָס איז די סדרה קדושים תהיו כי קדוש אני ד' אלק.

אין די דאָזיגע ווערטער לערענט אונז די תורה, דעם באַגריף וואָס עס מיינט הייליג. פאַראַן מענשען וועלכע דענקען, אז הייליג מיינט, ווען אַ מענש האָט זיך אָפּגעשייד פון אלע ערדישע פארגעניגענס, און ער איז איבער געגעבען נור צו גייסטיגע הייליגטום. אָדער ווען דער מענש פאלט אַ קרבן פאר זיין אידעע. אָבער אַזעלכעם קענען אויספיה־רען נור געצעהלטע מענשען. פון אַ גאַנצען פאָלק קען מען עס ניט פארלאַנגען און פאָדערען, אז זיי זאָלען זיך אָפּשיידען פון אַלערליי סאָר־טען פארגעניגען און ווען אונזער תורה מאָהנט פון אַלעמען פון גאַנ־צען כלל, אַז מען זאָל זיין הייליג "קדושים תהיו", שרייבט זי פאר, אַזאַ הייליגטום וואָס יעדער מענש קען עס בעגרייפען און ערפילען דאָס אין לעבען. ווארום נאָך דעם פסוק פון קדושים תהיו שטעהט, איש אמו ואביו תראו, ואת שבתותי תשמרו. אין דעם פסוק איז פאראַן אַ פאָל־שטענדיגע פראָגראַמע פאר דעם איינצעלנעם מענשען ווי ער זאָל לעבען און ער זאָל זיין גליקליך איבער גליקליך.

ווארום, ווען עס רעדט זיך וועגען די פליכטען פון קינדער צו עלטערן, שטעהט עס אין דער תורה, אין פארשיעדענע לשונות. אין די עשרת הדברות ווערט געשריבען מיט דער אויסשפּראכע: "כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך ולמען ייטב לך", און אין פ' קדושים שטעהט, "איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמרו". די גמרא אין (קידושין דף ל"ב), שטעלט זיך אָפּ אויף דעם אונטערשיעד פון כיבוד ביז מורא, און זי טייטשט אוים אזוי, אַז כיבוד מיינט אין קערפּערליכען זינן, ווי מאכלהו ומשקהו, געבען דעם פאטער עסען און טרינקען, קליידען און שוכען. מורא, מיינט אין גייסטיגען זינן. לא יעמוד במקומו ולא ישב במקומו, ולא יסתור את דבריו. נישט שטעהן און נישט זיצען אויפ'ן פאָ־טער'ס פלאַטץ, און אויך נישט אָבוועגדען דעם פאָטער'ס רייד.

פאר כיבוד אב ואם איז דער שכר אויף יענער וועלט (לעולם הבא), ווי די גמרא זאָגט אין קדושין דף ל"ט, און אין ענדע חולין, אַז ביי די מצות וואו עס שטעהט געשריבען דער מתן שכר ביי דער זייט, ווי כיבוד אב ואם, און שילוח הקן, וואָס עס שטעהט למען ייטב לך והארכת ימים— אַז דיר וועט זיין גוט און דו וועסט לעבען לאנג. מיינט עס עולם הבא.

ווארום אויף דער וועלט איז נישטא קיין אבסאלוט גוטעס, און קיין אריכות ימים נאך דעם בעגריף פון אייביגקייט. און די גמרא ברענגט פאקטען אויף דעם. אבער מוראת אמו ואביו, וואס עס שטעהט נישט אין פסוק, למען ייטב לך והארכת ימים, וואס דיזעס מיינט עולם הבא, נאר עס שטעהט צוזאמען מיט שמירת שבת. איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמרו, און ביי שבת געפינען מיר יא דעם שכר אויף דער וועלט, ווי עס שטעהט געשריבען אין שבת דף קי"ט, די געשיכטע מיט ר' חיי'ן, וואס ער האט געהאלטען שבת ביי איינעם א טבח, אין דער שטאדט לודקיא, און ער האט דארט געזעהן אויסערגעוועהנליכע רייכקייט, ווי זעכצעהן מענשען האבען אריינגעטראגען אין שטוב א גאלדענעם טיש, און די בעסטע מאכלים און משקאות איז געשטאנען אויף איהם געגרייט. און אז ר' חייא האט געפרעגט ביים ווירט, פון וואנען האט ער זוכה געווען צו אזא עשירות, האט ער געענטפערט: ווייל ער האט מכבד געווען דעם שבת, אז אלעס וואס ער האט געקויפט האט ער געזאגט: אז עס איז לכבוד שבת.

ווען מיר געפינען, אז מוראת אמו ואביו שטעהט אין דעם זעלבען פסוק פון שבת, איז דאס פארשטענדליך, אזוי ווי פאר כיבוד שבת איז פאראן דער שכר אויף דער וועלט, אזוי איז אויך פאראן דער שכר אויף דער וועלט, פאר מוראת אמו ואביו. און אין וואס קען באשטעהן דער שכר פון מוראת אמו ואביו אויףדער וועלט, — א, זעהר פיעל! און זעהר גרויס!

דער פאמיליען לעבען פון יעדען מענשען וואלט געווען א גליקלי-כער. ווארום פאר וואס איז דא אין אין אמעריקא, אין מעהרערע פאלען דער פאמיליען לעבען א אומגליקליכער, ווייל די קינדער זיינען נישט מקיים מוראת אמו ואביו, ווי עס בעדארף צו זיין. זיי הערען נישט וואס דער פאטער און די מוטער רעדען צו זיי. די עלטערען וועלכע זיינען די אמת'ע גוטע פריינד פון זייערע קינדער, און ווילען זייער גליק זעהן, איז ביי דעם ענטשיידענעם מאמענט ווען די קינדער געהען הייראטען, וואל-טען זיי הערען דעם ראטה פון די עלטערן, וואס עס פאסט פאר זיי, און מיטוועמען עס פאסט פאר זיי שליסען א פארטי און פארבינדען זיך אויף

דעם גאַנצען לעבען, וואָלטען זיי דאָך זיין שטענדיג גליקליכע, און צו־פרידענע. דער פאַמיליען לעבען וואָלט געווען אַ גאַנצער. דאָס איז דאָך דער גרעסטער גליק ביי יעדען מענשען.

אלזאָ אין דער מצוה פון מוראת אמו ואביו, געפינען מיר אַ פּראָג־ראַמע אין דעם פּריוואַט לעבען פון מענשען, פאַר זיין וואָהלזיין. מיר גע־פינען אויך אין די טעקסטע פּסוקים פון דער פרשה אַ פּראָגראַמע אין אַל־געמיינעם געזעלשאַפטליכען לעבען. "וכרמך לא תעולל, ופרט כרמך לא תלקט, לעני ולגר תעזוב אותם". דאָס מיינט, אַז דו זאָלסט האָבען אין זינען דעם אָרימאַן און דעם פרעמדען, דו זאָלסט איבער לאָזען פאַר זיי פון דיין וויינגאַרטען. און פון דיין פעלד, זאָלסטו לאָזען פאַר די אָרי־מע, לקט שכחה און פאה. ווארום דער ענין פון צדקה איז אויך אַ געזעל־שאַפטליכע סיסטעמאַטישע אָרדנונג אין לעבען.

צדקה האָט אַ דרייענדיגע אויפגאַבע. ערשטענס, יעדער מענש מוז וואָס געבען און ביישטייערען צום געזעלשאַפטליכען לעבען. יעדער מענש געניסט מיט פולע הויפענס פון דער גאַנצער מענשליכער ציוויליזאַציאָן און קולטור. דער מענש האָט פאַרגעניגען און פיעל הנאה פון אַלע ערפינדונגען און ערריכונגען אויף אַלע געביטען אין לעבען, מוז ער צוטראַגען צו דער געזעלשאַפט, און זאָלען אנדערע אויך געניסען פון איהם ווי ער געניסט פון זיי. צווייטענס, נישט אַלע מענשען זיינען פע־היג ביישטייערען צו דער געזעלשאַפט מיט זייער חכמה און וויסען, מיט זייער קאָפּ און מח, זאָלען די ערפילען דעם חוב זייערען מיט זייער געלד. העלפען דעם אָרימאַן און ליידענדען.

צדקה האָט נאָך אַ אויפגאַבע. אַז די געזעלשאַפט זאָל לעבען רוהיג און שטיל. ווארום, ווען עס איז פאַראַן אַ טייל מענשען וועלכע ליידען הונגער און קעלט, נויטה און פיין, דאַן זיינען די רייכערע אויך נישט זיכער מיט זייער האָב און גוטס. און אין מאַנכע פאַלען, אויך מיט זיי־ער לעבען. וויל די ליידענדע און געדריקטע וועלען סוף כל סוף, זיך אויפשטעלען און אינטריגירען געגען זיי. און ניט נאָר בהיתר, נאָר אויך

בדרך איסור. ווארום ווען אַ מענש איז הונגעריג, און לײדעט יסורים, איז ער ניט פאראַנטוואָרטליך וואָס ער טהוט.

דער מדרש אין רות זאָגט טאַקע, אַז "יותר ממה שבעה"ב עושה עם העני, העני עושה עם בעה"ב". דאָס מיינט, אַז דער בעל הבית וועלכער גיט די צדקה, געניסט מעהר מיט זיין געבען ווי דער אָרימאַן מיט זיין נעמען. און דער הויפט ציעל פון צדקה איז טאַקע אַז דער אָרימאַן זאָל קענען לעבען און עקזיסטירען. און די גמרא אין בבא בתרא, דף ח' ברענגט אַז רבא האָט געצוואונגען רב נתן'ען, און ער האָט גענומען ביי איהם פיער הונדערט גילדען אויף צדקה, וואָס אין יענער צייט איז עס געווען זעהר אַ גרויסער סומע.

אָט די אַלע באַהויפטונגען באַווייזען קלאָהר אַז צדקה איז אַ געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, און ווען עס זאָל ניט עקזיסטירען קיין צדקה, קען עס שאַדען טאָהן די אָרדנונג פון נאָרמאַלען לעבען. דעריבער קען אַנגעווענדעט ווערען שטרענגע מיטלען צו באַקומען די געווינשטע סומע פאַר צדקה.

דער מענש איז אויך פארבונדען מיט דער געזעלשאַפט דורך ביזנעס, דורך האַנדעל, און ווען אַ מענש פיהרט זיך ניט עהרליך, ווערט פון דעם צווייטיגקייטען, און פארשיעדענע מחלוקת'ן שפּראָצען פון דעם אַרויס. עס ווערט צושטערט דער שלום פון דער געזעלשאַפט. אויף דעם קומט דער אָנזאָג: "לא תגנבו, ולא תכחשו איש בעמיתו ולא תשקרו", אום אַז דער געזעלשאַפטליכער לעבען זאָל זיין אין אָרדנונג. ס'זיינען דאָ אויך מענשען וועלכע זיינען פארבונדען מיט ארבייטער, און ווען מען זאָל זיי נישט עהרליך בעהאַנדלען, קומט עס צו אַ איבערקעהרעניש און אַ רעוואָלוציע. אַלזאָ זאָגט אָן די תורה, "ולא תלין אתך פעולת שכיר, עד בוקר". אָט דאָס איז דער פולער פּראָגראַם, ווי אַזוי מען זאָל אָנגעהן מיט אַלע פאַרשידענע פראַגען אין לעבען.

און דאָס איז דער פשט אין פסוק, "דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום". דרך איז אַ ברייטע וועג. נתיב מיינט אַ שמאָלע סטעזשקע. דאָס מיינט צו זאָגען, אַז סיי די ברייטע וועג, דאָס איז די צבוריות, דער רשות

הרבים, כלל זאכען, סיי די שמאָלע סטעזשקע, דער פריוואטער לעבען, דער רשות היחיד, איז נועם און שלום.

מיר געפינען אויך אין דער תורה, אַ פּראגראמע פאר אַ מלכות, ווי אַזוי ער זאָל זיך אויפיהרען און אָנגעהן מיט זיינע קעניגליכע פליכטען. נאָך אונזער שכל און פארשטאַנד דארף אויסקומען אַז אַ קעניג מוז זיך פארנעמען ווי שאפען מעהר געלד אין דער רעגירונגס טרעזשורי, ער מוז זיין אַ פעהיגער דיפּלאָמאט און רעגירער. פיהרען אַ קלוגע פּאָליטיק מיט דער וועלט. אָבער די תורה אָרדענט גאָר אַנדערש איין. אין פרשה שופטים שטעהט געשריבען אַז לא ירבה לו נשים וכסף וזהב לא ירבה לו, דאָס מיינט, אַז אַ קעניג זאָל ניט פאראינטערעסירט זיין אין זאמלען פיל געלד און זילבער, ער זאָל אויך נישט זיין איבערגעגעבען צו קערפּער־ליכע פארגעניגענס, נאָר דער פליכט פון קעניג איז, ער זאָל שרייבען אַ ספר תורה, און לערנען זיין גאַנצען לעבען.

דיזען אָנזאָג פון דער תורה פארשטעהען מיר נישט נאָר טעאָרעטיש, נאָר אויך פּראַקטיש. מיר זעהן בפירוש אַז די תורה איז גערעכט. וואָ־רום פאר אונזערע אויגען זיינען געפאלען צוויי שטארקע און מעכטיגע קעניגרייכען. רוסלאַנד און דייטשלאַנד. דער דייטשער קיסר איז געוועזען שטענדיג פאראינטערעסירט ווי צו זאַמלען מעהר געלד און זילבער, און פארנעמען וואָס מעהר לאַנד און טעריטאָריעס אום צו פארשמעלצען צו זיין מדינה, אָבער וואָס איז געוועזען זיין ענדע, אַז ער איז געפאלען צו־זאמען מיט זיין לאַנד

אויך דער צווייטער קעניג איז געוועזען פאראינטערעסירט אין תענוגי בשרים און ערדישע פארגעניגענס. איז ער אויך געפאלען צוזאמען מיט זיין מלוכה. מען האָט איהם מיט זיין גאַנצער פאמיליע אומגעבראַכט, און נאָך עהנליכע פילע פאַלען אין דער געשיכטע פון מאָנארכען, וואָס די ענדע זייערע איז געוועזען זעהר אַ טרויעריגע.

איז געוויס אונזער תורה גערעכט, ווען זי זאָגט אָן, אַז "לא ירבה לו נשים וכסף וזהב לא ירבו לו", נאָר ער זאָל שטענדיג לערנען "ויאריך ימים על ממלכתו הוא ובניו בקרב כל ישראל". דער ווילנער גאון האָט

אויך געזאגט, ווי יענער קלוגער אָרימער זוהן, אז ער ליבט און פאָלגט דער מוטער, ווייל זי איז איהם זעהר גינציג, און פארהיט איהם, אז עס זאָל קיין שלעכטס מיט איהם פאַסירען. ווען די מוטער איז אין הויז, קען ער אַרוים פאַר ביזנעס, און ער קען געהן וואו ער וויל. די מוטער וועט שוין אַלעס פאַרזארגען. דאָס גלייכען, די תורה פארהיט דעם אי-דישען פאָלק פון אונטערגאנג. ווען די תורה ווערט געהיט אין די אידי-שע הייזער, איז אַלעס גאַנץ און רוהיג. די שונאים זיינען מאַכטלאָז צו טאָהן אירגענד שלעכטעס דעם איידישען פאָלק, ווי משה זאָגט אין דער תורה: "ויהי בנסוע הארון ויאמר משה קומה ד' ויפוצו אויביך וינוסו משנאיך מפניך". דאָס מיינט צו זאָגען, ווען דער ארון הקדוש מיט דער תורה געהט צוזאַמען מיט די אידען, די אידען טיילען זיך ניט אָפּ פון ארון הקודש, דאן ווערען די אידישע שונאים צוזייהט און צושפרייט און קענען קיין רשעות נישט טאָהן די אידען.

דער ווילנער גאון האָט אויך געזאָגט ווי יענער אָרימער קלוגער זוהן, אז ער ליבט און פאָלגט דער מוטער ווייל די מוטער איז רייך און וועט איהם איבערלאָזען אַ גרויסע ירושה. זי פארמאָגט אַ מיל-ליאָן דאָלאַר אין דער באַנק, נור דער רייכער ברודער גלויבט איהר ניט. איך גלויב איהר יאָ, ווייל זי וועט מיר ניט נארען. זי זאָגט מיר שטענדיג דעם אמת. דאָס גלייכען די תורה איז מבטיח דעם מענשען אַ גרויסען שכר אויף דיזער וועלט און אויף יענער וועלט.

אָבער צום גרוים באדויערען, ווערען די אַלע אמת'ן פארדונקעלט אין די היינטיגע טעג. מען נעהמט ניט אין אַנבעטראכט, אז דער לעבען זאָל זיך פיהרען אין איינקלאַנג מיט די אמת'ן, און וואָס זעהען מיר: "שעריה שוממין, כהניה נאנחים". די שוהלען פוסטעווען, די גייסטיגע פיהרער זיפצען. עס איז אַ פאָלקאָמענער תהו ובהו. אָבער לאָמיר האָפען, אַז עס וועט קומען אַ בעסערע צייט, און מענשען וועלען אַנערקענען אָט די אייביגע אמת'ן, און וועלען ווידמענען צו דעם זייער לעבען.

ח.

די עשרה הרוגי מלכות

די עשרה הרוגי מלכות, וועלכע זיינען זעהר פארהייליגט ביים אידי־שען פאָלק, און אין די צוויי טעג ווי אין דעם גרעסטען הייליגסטען יום־טוב׳דיגען טאָג יום כפור, ״לא היה ימים טובים לישראל כיום הכפורים״ (סוף מסכת תענית), און אין דעם גרעסטען נאַציאָנאַלען טרויער טאָג, ווי תשעה באב, ווערען די עשרה הרוגי מלכות דערמאָנט, מיט דעם גרעסטען כבוד און פארביטערטקייט אויף זייער שיקזאל, וואָס עס האָט פאַסירט מיט זיי.

יום כפור ווערען זיי דערמאָנט אין פיוט פון סוף מוסף. אין דעם קאַפּיטעל ״אלה אזכרה ואשפכה עלי נפשי״, און תשעה באב אין דעם קאַפּיטעל ״ארזי הלבנון״. דער גאַנצער אידישער פאָלק אָן אונטערשיעד פון שאַטירונגען און גרופּירונגען בויגט פאר זיי דעם קאָפּ, און באַוויינט יאָמערליך און פיינליך ווען ער עראינערט זיך אין דער גרויסער טראַ־געדיע.

אָבער נור צוויי פון זיי, ביי ר׳ עקיבא׳ן און ביי ר׳ אליעזר בן שמוע ווערט דערמאָנט גענוי די צייט ווען די הינריכטונג איז פארגעקומען. ביי ר׳ עקיבא׳ן אין סוף מסכת ברכות, בשעה שהוציאו את ר׳ עקיבא להריגה זמן קריאת שמע היה, והיו מסרקין את בשרו במסרקות של ברזל, והיה מקבל עליו עול מלכות שמים, והיה מאריך באחד. די גמרא דער־צעהלט אונז, אז די הינריכטונג איז פאָרגעקומען אין דער צייט ווען מען

האָט געליינט ק״ש, און ביי ר׳ אליעזר בן שמוע ווערט דערמאָנט אין די קינות פון תשעה באב אין דעם קאַפּיטל ארזי הלבנון: ״יום ערב שבת היה ויקדש ויקרא״, אז די הינריכטונג איז פארגעקומען ערב שבת, ווען מען מאַכט קידוש. איז ווען די גמרא דערצעהלט אונז געגוי, די הינריכטונג פון ר׳ עקיבא, ווען עס איז פארגעקומען, איז דאָס פאַר-שטענדליך, ווייל רבי עקיבא איז דער יעניגער תנא, וועלכער טייטשט אוים דעם פסוק אין קריאת שמע, ״בכל לבבך ובכל נפשך״, אז בכל נפשך מיינט אז דער מענש זאָל ליבען ג—ט און זיך מוסר נפש זיין פאר ג—ט, אפילו ווען עס קאָסט איהם זיין לעבען. און ר׳ עקיבא, האָט עס געפּראַקטיצירט אויף זיך זעלבסט, דעריבער דערצעהלט עס די גמרא גענוי, אז די פּראַקטיק האָט אויסגעהאלטען ביי ר׳ עקיבא׳ן מיט זיין טע-אָרי, אָבער צו וואָס איז נויטיג געווען גענוי איבערצוגעבען, ווען די הינ-ריכטונג פון ר׳ אליעזר בן שמוע איז פארגעקומען.

דער תירוץ איז, אַז ר׳ אליעזר בן שמוע איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ יהודה בן בבא, ווי ס׳ווערט דערמאָנט אין מסכת סנהדרין דף י״ד. און ער האָט געזעהן די גרויסע מסירת נפש פון רבי׳ן ווי אזוי ער איז אומ-געקומען אויף דער גזרה פון סמיכה, ווארום אין יענער צייט האָט די גרויזאמע באַרבאַרישע רעגירונג אַרוים געגעגעבען אַ ווילדע גזרה אַז מען זאָל ניט מסמיך זיין, ווארום ביי אידען איז איינגעפיהרט פון משה רבנו, אַז דער יעניגער קען שטעהן בראש פון אַ אידישער קהלה, און זיינע ווערטער זאָל ווערען רעספּעקטירט, נור ווען ער האָט סמיכה פון דעם גדול הדור, ווי משה רבנו האָט געטאָהן צו יהושע׳ן, ווי עס שטעהט ויסמוך ידיו עליו, און אויף דעם האָט דאָס די רעגירונג גוזר געווען, אַז ביי אידען זאָל אַזעלכעס ניט פאָרקומען, דאָס מיינט, אַז דער גאַנצער ענין פון סמיכה זאָל בטל ווערען, און ווער עס וועט זיך ערלויבען יאָ געבען סמיכה, זאָל באַשטראָפט ווערען מיט די שווערסטע און הארבסטע שטראָף, וואָס עס קען זיין. האָט דערתנא ר׳ יהודא בן בבא גענומען פינף זקנים, ר׳ מאיר, ר׳ יהודא, ר׳ שמעון, ר׳ יוסי, און ר׳ אליעזר בן שמוע, און איז מיט זיי אַוועק אין אַ פאַרבאָרגענעם אָרט און ער האָט זיי מסמיך געווען. און ווען די רעגירונג האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ד

זי ר׳ יהודא בן בבא׳ן דורכגעשאָסען מיט דריי הונדערט קוילען און זיין קערפּער איז געוואָרען ווי אַ געלעכערטע זיפּ.

איז עס אָבער אינטערעסאנט צו פארשטעהן, ווארום האָט ר׳ יהודא בן בבא זיך מוסר נפש געווען אויף דער גזרה פון סמיכה. אויב מיר גע־פינען יאָ אין פארשיעדענע שווערע צייטען פון גזרות, אַז געטרייע אי־דען האָבען זיך מוסר נפש געווען אויף תורה, שבת, מילה, און נאָך אַזעלכעסוואָס די אידישע שונאים האָבען עס געוואלט צושטערן, איז דאָך דיזעס פון די עקרי היהדות וואָס דערגאַנצער אידישער פונדאַמענט איז געבויט אויף דעם. אָבער ווען דער שונא האָט געוואלט בטל מאַכען סמיכה, טאָ וואָס איז דאָ פאַר אַזאַ גרויסע צרה, וועלען נישט זיין ביי אידען קיין מוסמכים, וועט מען אויסקומען אָהן סמיכה. די תורה וועט מען דאָך קענען היטען און אויספילען, נישט געשטערט.

אָבער, אויב אויבערפלעכליך האָט זיך דאָ נישט אַרויסגעוויזען קיין אומגליק, דאָך טיפער אריינטראַכטענדיג איז אין דער גזירה געווען בע־האַלטען אַ גיפטיגע סכנה פאַר דעם עקזיסטענץ פון דעם אידישען פאָלק, וואָס די ברייטע שיכטען פארשטעהן דאָס נישט.

עס איז דאָך באוואוסט, אַז שנאת עולם לעסעולם. — אַ אייביגע פיינדשאפט עקזיסטירט צום אייביגען פאָלק. און וואו עס איז פאַראַן שנאה, איז פאַראַן קנאה, און וואו עס איז דאָ קנאה, איז דארטען פאַ־ראַן מלחמה. האָבען טאַקע אַלע פעלקער ערקלעהרט מלחמה דעם אי־דישען פאָלק. נאָר אין פארשיעדענע פארמען. אַמאָהל איז עס אַ אָפענע מלחמה און אַמאָהל אַ פארשטעלטע. אַמאָהל איז עס אויף דעם עקאָנאָ־מישען געביעט און אַמאָהל אויף דעם גייסטיגען. אַמאָהל איז די מל־חמה אין איין לאַנד, און אַמאָהל אין אַ צווייטער לאַנד, אַמאָהל אין דער פאָרמע און אַמאָהל אין אַ צווייטער פארמע. אָבער די מלחמה הערט נישט אויף. און פון די אַלע מלחמות געהט אַרויס דעראידישער פאָלק, דער זיעגער, ווארום ווען עסטרעפט זיך צוזאַמען עשו׳ס כח מיט יעקב׳ס מח, זיעגט שטענדיג יעקב׳ס מח.

אמת, פאר די עקאָנאָמישע קערפערליכע גזרות בייגט איין דער איד

זיין קאָפּ, און ער ליידעט פון זיין אַנגרייפער. ער שווייגט און ליידעט. אָבער ווען עס קומט צו זיין נשמה, ווייזט ער אַרוים מורא׳דיגע גבורות. דאָ בויגט ער זיך נישט פאַר קיינעם, און זאָגאַר די פרייגעזאָגענע, וועלכע דאָן קעמפּפעריש געשטימט, און עס וואַכט אין זיי אויף דער אידישער פונק, צו קעמפּפען ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט, פאַר אידען און אידישקייט. ווי די היסטאָריע האָט אונז באַוויזען אין שפּאַ־ניע, פּאָרטוגאל און אין נאָך פאַרשיעדענע לענדער, ווען מען האָט גע־דריקט אידען, אז אפילו באַראָנען, פירסטען, גראַפען, מיליאָנערען, האָ־בען זיך געלאָזט פאַרברענען, נאָר נישט צו לייקענען באלק׳ ישראל.

ווען נאָר די שונאים אונזערע, גרייפען אונז אָן אין אַ אָפענעם קאַמף, זיינען מיר די זיעגער, און זיי פאַרלירען. אַלזאָ מיט דער גזרה פאַרבאָטען סמיכה, ביי אידען, האָבען די שונאים זיך געוואלט אויס־דרעהען פון אַן אָפענעם קאַמף מיט אונז, ווייל די גרויסע מאַססען פון פאָלק, וועלען ניט פאַרשטעהען געגען וואָס ס׳איז געציעלט די דאָזיגע גזרה. ווייל אויבערפלעכליך מיינט עס ניט אויסראטען תורה מיט מצוות, ממילא וועט נישט קומען קיין ווידערשטאַנד פון גאַנצען פאלק. אָבער אין דער וואהרהייט, איז די גזרה פון סמיכה ניט קיין קלענערע, ווי אַלע שווערע און ברוטאַלע גזרות געגען דערתורה און יודענטום, און פי־לייכט איז די דאָזיגע גזרה נאָך שאַרפער און שניידענדער. וואָרום אַ תלמיד חכם אַ מוסמך, מיינט צו זיין, אַ גרויסער אויטאָריטעט אין תורה און יראת שמים, וועלכער זאָל שטעהן בראש העם און לערנען דעם פאָלק, ווי צו געהן אין דער ריכטיגער וועג, און אין אַ קריטישען מאָ־מענט זאָל ער געהן בראש און ווייזען וואָס מען האָט צו טאָהן. און אזוי אַרוים פיהרען דעם פאָלק פון זיין פארלעגנעהייט, וואָס דער אידישער פאָלק, נישט האָבענדיג קיין אייגענע היים, האָט ער פאַר זיך שטענדיג שווערע פּראבלעמען און געפינט זיך איבעראל אין שלעכטע קאָנדי־ציאָנען.

דער גרויסער תנא ר׳ יהודא בן בבא מיט זיין נביאישען וויטען בליק, און מיט זיין קלאָהרען שכל און פאַרשטאַנד, האָט פאראויס איינ־געזעהן די גרויסע סכנה, פון דער גזרה אז עס זאָל נישט עקזיסטירען ביי

אידען, דאָס וועזען פון סמיכה. דעריבער האָט ער געפונען פאר נויטיג זיך מוסר נפש זיין, אום אַז דער שונא זאָל ניט דערגרייכען זיין ציעל, געגען דעם אומגליקליכען אידישען פאָלק.

ר' אליעזר בן שמוע האָט עם אַלעם נאָכגעפאָלגט די איבערגעבענ-הייט און מסירת נפש פון זיין רבי'ן. האָט עס אויף איהם געמאכט זעהר אַ טיעפען איינדרוק. און אין דעם מאָמענט ווען מען האָט איהם אויך געהאלטען ביים הינריכטען, האָט ער געמאכט קידוש און געזונגען די הייליגע ווערטער אין קידוש "כי בנו בחרת ואותנו קדשת מכל העמים", אַז ווען זאָגאר מען פיהרט איהם צו אומברייננגען זיין לעבען, איז ער ניט געפאַלען ביי זיך, נור ער זאָגט מיט ווירדע און שטאָלץ אז ער איז אַ זוהן פון דעם עם הנבחר, דעם אויסדערוועהלטען פאָלק. ווארום מסירת נפש נעמט זיך פון אמת. פאר דעם אמת איז מען זיך מוסר נפש, און וואו עס איז דאָ אמת, דאָרטען איז דאָ נצחיות (אייביגקייט). און דערי-בער איז די ברכת התורה אשר נתן לנו תורת אמת וחיי עולם נטע בתוכנו. דער רבונו של עולם איז אַ אייביגער, איז זיין חתימה אמת. חותמו של הקב"ה אמת. אָט פון דער געשיכטע פארטשעהן מיר ווי גרוים און וויכטיג עס איז, אַז ביי אידען זאָל זיין מוסמכים און גדולי תורה.

ו.

די פאַרשידענע נעמען פון אונזער תורה.

אונזער תורה טראגט אויף זיך פארשידענע נעמען, וועלכע באוויי-זען איהרע הויכע אייגענשאַפטען און נעמליך, זי האָט דעם נאָמען "אמת", ווי יעדער איז זאָגט עס ווען מען רופט איהם עולה לתורה זיין: אשר נתן לנו "תורת אמת".

די תורה הקדושה ווערט אויך אָנגערופען מיט דעם נאָמען "חיים" (לעבען), ווי מען זאָגט עס אין שמונה עשרה: כי באור פניך נתת לנו ד' אלק' תורת חיים.

זי טראגט אויך דעם נאָמען "טוב" (גוט), ווי עס שטעהט אין פסוק, כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו.

מען רופט איהר אויך מיט דעם נאָמען "אור" (ליכט), ווי עס שטעהט "כי נר מצוה ותורה אור", און משה רבנו רופט די תורה אויך מיט דעם נאָמען אש (פייער), כי מימינו אש דת למו (פ' וזאת הברכה).
אַז די תורה איז אַ תורת אמת, זעהען מיר עס פון די אַלע ערטער וואו די תורה איז אונז מבטיח מיט דעם באַלוינען גוטעס ווען מען פאלגט איהר אוים, און מען טהוט וואָס זי פארזאגט.

די תורה פארזיכערט אונז גוטעס אויך אויף דיזער וועלט, ווי עס שטעהט אין קריאת שמע: ונתתי מטר ארצכם בעתו יורה ומלקוש, ואספת דגנך ותירושך ויצהרך. דאָס מיינט, אַז דער רעגען וועט געהן אין דער ריכטיגער צייט און מען וועט אריינעהמען די קאָרען, ווייַן און

בוימאויל, און מען וועט זייט זאַט, און דאָס זעלבע שטעהט אין פרשה בחוקותי, און אין פרשה עקב. און ווען די תורה פאַרזיכערט די גוטעס אויף דיזער וועלט, קען מען עס דאָך קאָנטראָלירען און פרואווען צו איז דאָס אמת וואָס זי זאָגט. זאָל מען היטען די תורה, וועט מען זעהען צי וועט טאַקע קומען דער גוטער לוין וואָס די תורה פאַרזיכערט. אז אונ־זער תורה איז אַ תורת חיים, אַ תורה פון לעבען, לערנען מיר פון דעם.

ווארום די מעהרסטע אומגליקען וועלכע עס טרעפען אין דער וועלט, די מעהרסטע שלעכטע פאַסירונגען ביי דעם אינדיווידועל און ביי דעם קאָלעקטיוו, אַלע פאַרשיעדענע בלוט פאַרגיסונגען, אלעפאַרמען פון נאַרערייי און פאַלשקייט וואָס עס פאַסירט ביי מענשען, איז עס צוליב דעם וואָס דער מענש איז אימער עגאָאיסטיש געשטמיט. דער מענש טראַכט נאָר וועגען זיך זעלבסט, ער רעכענט אז די גאַנצע וועלט איז בעשאַפען געוואָרען נאָר צוליעב איהם. ער אַליין דאַרף געניסען פון איהרע פאַרגעניגענס. אָבער דעם חבר זיינעם וועלכר איז בצלמו ובדמותו, קומט איהם נישט דאָס זעלבע וואָס איהם קומט. פאַר דעם צווייטען איז גענוג פיעל וויניגער, קוים צו דערהאַלטען די נשמה. אַנ־דערש אבער וואלט די וועלט אויסגעזעהן, ווען דער מענש וואָלט־ אַנ־דערש טראַכטען און דענקען, און נעמליך, — אז אַלע מענשען זיינען גלייך, און פאַר אַלעמען איז די וועלט באַשאַפען געוואָרען און אז אַלע מענשען דאַרפען לעבען. ער איז ניט מעהר יחסן ווי דער צווייטער און פילייכט איז זיין חבר נאָך פיעל וויכטיגער און העכער פון איהם. וואָלט דאָך די וועלט געווען אַן אמת׳ער גן עדן. אַלע וואָלטען לעבען גליקליך, צוזאַמען און אין פרידען.

און אונזער תורה וועלכע זי ווינשט אַלעמען זעהען גליקליך און צו־פרידען, האָט זי פאַרגעשריבען, ואהבת לרעך כמוך, דו זאָלסט ליבען דיין חבר ווי זיך זעלבסט, און דאָס וואָס דו ווילסט ניט אז מען זאָל דיר טאָהן זאָלסטו דיין חבר אויך ניט טאָהן, אייניגע ווערטער אבער זיי ענטהאַל־טען זעהר פיעל. (מועט המחזיק את המרובה), און ווען דער מענש זאָל עס ערפילען ריכטיג, מיינט עס לעבען פאַר אַלעמען, פאַר דעם פרט און

כלל. איז דעריבער ווערט גערופען די תורה "תורת חיים", ווי אויבען דערמאָנט.

אַז די תורה ווערט גערופען אויך מיט דעם נאָמען "אור" ליכט, — פאַרשטעהען מיר פון דעם, ווען אַ מענש געהט אין דער פינסטער, קען ער ניט אויסמיידען איינס פון די ביידע, אָדער ער וועט אריין פאַלען אין אַ גרוב, אָדער ער וועט זיך אָנשטויסען אין אַ שטיין, וועלכער געפינט זיך אין וועג, אויף וועלכער ער געהט. אַזוי צו אַזוי, שטעהט פאַר איהם זעהר אַ שווערע פּראָבלעמע אין לעבען, וואָס ער קען ריזיקירען מיט זיין לעבען צו יעדער מינוט. אָבער ווען די וועג איז באַלויכטען ארום און אַרום איז ליכטיג, דאן ווערט ער באַשיצט פון אַלעם בייזען, און ער וועט קומען גליקליך צו דעם ריכטיגען ציעל וואָס ער האָט פריהער באַצייכענט. דאָס גלייכען די יעניגעמענשען וועלכע דער אור התורה האָט אויף זיי ניט געשיינט, און זיי געהען נישט אין איהר ליכט וועלען ניט אויסמיידען איינס פון די צוויי. אדער זיי וועלען געהן אין קרומע וועגען, זיי וועלען טאָהן אַלעס וואָס די אויג זעהט און די האַרץ גלוסט, און מיט דיזעם וועלען זיי אריין פאַלען אין די טיפענישען פון די גראבע ערדישע פאַרגעניגענס. אָדער זייער קורצער פאַרשטאַנד וועט זיי דיקטירען, אַז זיי זאָלען זיך אין גאַנצען דערווייטערען פון דער וועלט, זיך אָפּשיידען פון אַלע פאַרגעניגענס, ווי עס האָבען עס פּראַקטיצירט אין די גאָר אַלטע צייטען די נזירים און אסיים.

אָבער אויך דער וועג איז נישט דער ריכטיגער. ווייל: "כי לא תהו בראה, לשבת יצרה", די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען, אַז זי זאָל ווערען געבויט, פאַרגרעסערט און בליהען, אָבער די שטה פון דער תורה איז צו פאַראייניגען עולם הזה מיט עולם הבא, הימעל מיט ערד צוזאַמען. און זי לייכט דעם מענשען אין וועלכער וועג ער זאָל געהן און ער זאָל ניט געשטרויכעלט ווערען. ער זאָל קומען צום ריכטיגען ציעל. איז דאָך זעהר צוגעפּאַסט דער נאָמען "אור" פאַר דער תורה.

די תורה האָט אויך אַ נאָמען "טוב". און ווירקליך, אַלע פאַרשידענע שיטות און פּראָגראַמען, פון איינצעלנע מענשען, ווי פון גאַנצע פאַר-

טייען, קענען נים צופרידען שטעלען אלע קלאסען מענשען. ווארום וואס עס איז גוט פאר דעם קלאס, איז נים גוט פאר דעם צווייטען קלאס. אויב עס איז גוט פאר רייכע, איז נים גוט פאר אָרימע, און ווען עס איז גוט פאר אָרימע, איז עס נים גוט פאר רייכע. ווען עס איז צופרידען דער פאבריקאנט, איז נים צופרידען דער ארבייטער. און ווען עס איז צופרידען דער ארבייטער, איז נים צופרידען דער פאבריקאנט. ווען דער מוכר איז פרעהליך, איז פאר׳דאגה׳ט דער קונה, און ווען עס איז צופרי־דען און פרעהליך דער קונה, איז פאר׳מרה-שחורה׳ט דער מוכר. קיין אב־סאלוטע גוטעם עקזיסטירט נים אין דער וועלט. יעדער איינער ווערט געבוים פון צווייטענס חורבן. פאר דעם א גליק און פאר דעם צווייטען א שטריק.

אָבער די פראָגראמע פון דער תורה, איז גוט פאר אַלעמען, פאר אַלע קלאסען און פאר אַלע פארשידענע מענשען. ווארום אין די דינים און געזעצען פון די תורה געפינען מיר א ריכטיגעהרליכע ענטשיידונג, צו אַלע שווערע פראָבלעמען אין לעבען. און עס איז נישטאָ קיין רויבער און גערויבטע. קיין גזלן און גע׳גזל׳טע. קיין אָנגרייפער און געגריפענע. אַלע זיינען גלייך פאר איהר געזעץ, און דאָס איז דיווירקליכע גוטעס.

איז געקומען משה רבנו פאר זיין פטירה, און ער רופט די תורה, "אש" (פייער), "מימינו אש דת למו", און מיט דעם נאָמען "אש" האָט ער ענדעקט די אייגענשאפט פון דער תורה, וואָס עס איז אָנבעלאנגט ספעשעל צום אידישען פאָלק, ווארום משה רבנו מיט זיין נביא׳שען בליק אויף דער אידישער צוקונפט, האָט פאראוים געזעהן אין וואָס פאר א שרעקליכען צושטאנד דער אידישער פאָלק וועט זיך געפינען אין זיין לעבענס געשיכטע. ער וועט זיין אָרום גערינגעלט פון פארשידענע שונאים און אנטיסעמיטען, וועלכע עס לויערען אויף זיין בלוט איינצו־שלינגען לעבעדיגערהייט און אומברייננגען איהם ביי יעדער געלגענהייט, דעריבער האָט ער זיי אָנדעקט דעם גרויסען קראפט וואָס די תורה פארמאָגט, און נעמליך אַז די תורה איז פייער, און אזוי ווי פייער איז דער גרעסטער פארניכטונגס כח, אזוי האָט אויך די תורה א גרויסען כח צו פארניכטען אַלעס און אַלעמען, וועלכע עס ווילען מלחמה האל־

טען מיט איהר. דאָס מיינט, מיט דעם אידישען פאָלק, וועלכער האָט מקבל געווען די תורה און האלט איהר אָן.

און דאָס איז אויך אָנגעוואונקען צו די אידען, אז די אידען מוזען האלטען און היטען די תורה.ווארום, ווען פארניכטעט פייער, ווען דער פייער ברענט און לייכט, ווען אבער דער פייער איז פארלאָשען, דאן קען ער גאר ניט טאָהן און אומברענגען. און נעמליך, — ווען וועלען די שונאים פאלען און פארניכטעט ווערען, נאָר דאן ווען די אידען וועלען לייכטען מיט דאָס ליכט פון דער תורה. ווי עס שטעהט אין מדרש, אז "בשעה שהקול קול יעקב, אז אין הידים ידי עשו". פון דעם וויסען מיר, אז דער אידישער עקזיסטענץ איז נור די תורה.

ז.

די ריכטיגע ליניע פון מזרחי.

די אידישע געשיכטע צעהלט צווישען איהרע גרויסע העלדען, יהודא המכבי און שמעון בר כוכבא. עסאיז אָבער אַ חילוק פון איינעם און דעם אַנדערען. יהודא המכבי איז פארהייליגט ביי אידען. זיין נאָמען ווערט דערמאָנט מיט דעם גרעסטען כבוד און רעספעקט. יהודא המכבי איז דער סימבאָל פון מוטה און האָפענונג, פון ווירדע און שטאָלץ. פון קעמפען און מלחמה האַלטען, פון געהן אויף מסירות נפש פאר קידוש ד' און די תורה, און ווען מיר ווילען אויפמונטערען און בעגייסטערען אַט די יעניגע פאַרפראַהרענע קאַלטע אידען, איז גענוג זיי דערמאָנען דעם נאָמען, יהודה המכבי, און אַלע און אַלעס, פאַלען אריין אין אַ געהויבענער שטימונג, און די גאַנצע סיטואַציע ווערט אומגעביטען.

אַנדערש איז אָבער מיט שמעון בר כוכבא. זיין נאָמען איז געבליבען פארפלעקט, און ער איז געשטעמפעלט גאַווארען מיט דעם גרעסטען זלזול און שימפ־וואָרט, ווי ליגנער, בר־כוזבא. וואָרום איז דאָס אַזוי? ווייל שמעון בר כוכבא האָט געוואָלט אריין דרינגען אָן אַנדער געדאַנקען גאַנג אין דער אידישער אידעאָלאָגיע. וואָרום ביי אונז אזוי אָנגענומען, אַז דער העכסטער אויטאָריטעט, וואָס זיין וואָרט מוזען אַלע הערען, איז דער תלמיד חכם אין יעדען דור. ווי עס שטעהט אין פרשה שפטים, כי יפלא ממך דבר בין דם לדם, בין דין לדין, בין משפט למשפט, וקמת ועלית, ועשית ככל אשר יורוך, לא תסור מהם ימין ושמאל, און בר כוכבא האָט ערמאָרדעט זיין אָנקעל דעם גרויסען תנא ר' אליעזר'ן

ווייל איהם האָט זיך געדוכט אַז ר׳ אליעזר איז ניט איינשטימיג מיט זיי־
נע אידעען, און ווען ער וואָלט געפיהלט דעם ריכטיגען רעספעקט פאר אַ
תלמיד חכם, וואָלט ניט פארגעקומען אָט דער טרויעריגער אַקט פון
אומברענגען אזא גרויסען תלמיד חכם. און דעריבער האָט בר־כוכבא
פארלוירען זיין גאנצען איינזעהן ביי אידען.

יהודא המכבי אבער, זאָגאר ער איז געווען דער אמת׳ער גבור און
העלד, און ווי מיר ווייסען פון געשיכטע, האָט ער אָנגעפיהרט דעם גאַנ־
צען שרעקליכען פארביטערטען קאמף מיט די גריכען פון יענער צייט.
דאָך איז ער נישט אָבגעטראטען אויף איין האָר פון זיין טאַטען מתתיהו,
וועלכער ווערט באַטאָנט מיט די ווערטער כהן גדול. און די אויפגאבע פון
אַ כהן גדול איז: ״כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו״, און
יהודא המכבי האָט אַלעס אויסגעפאָלגט, און דעריבער האָט ער געוואָר־
נען און זיין נאָמען איז פארהייליגט געוואָרען אויף אייביג.

מיט דעם קאָנען מיר פארשטעהן די וויכטיגקייט פון מזרחי. וואָס
צוגלייך מיט אַלע ציוניסטישעפארטייען, קעמפט אויך דער מזרחי פאר
ארץ ישראל, שטעהט אָבער דער מזרחי העכער פון יענע אנדערע פאר־
טייען, ווייל ער קעמפט פאר אַ תורה׳דיגע ארץ ישראל, אז אַלעס זאָל
זיך פיהען אין ארץ ישראל עפ״י התורה והמצוה, און נאָר מיט דער
שיטה פון מזרחי, וועלען מיר געווינען ארץ ישראל, ווי עס באַווייזט אונז
דער פסוק אין פ׳ וירא, ״כי ברך אברכך והרבה הרבה את זרעך ככוכבי
השמים וכחול אשר על שפת הים וירש זרעך את שער אויביו״.

די שטערן אבוואָהל זיי זיינען גאַנץ נאָהענט איינער צום צווייטען,
אָבער זיי זיינען קיין מאָהל ניט צוזאַמען, און ווען איין שטערן זאָל אריין
דרינגען אין צווייטען וואָלט עס בריינגען דעם גרעסטען חורבן, און די
גרעסטע וויסטעניש. דאָס גלייכען איז די ברכה פון אברהם׳ס קינדער,
ווי שטערען, אז זיי זאָלען זיין אין באַצוג צו אַנדערע פעלקער ווי שטערן,
דאָס מיינט, זיין נאָהענט צו זיי, אָבער געווים ניט צוזאַמען, ״גזרו על
פתם משום שמנן ושמנן מפני יינן ויינן מפני בנותיהם״, און דאן וועט
זיין וכחול אשר על שפת הים.

דער מדרש גלייכט צו די רשעי עכו"ם, ווי די רוישענדע כוואַליעס פון ים, וועלכע ווילען דערטרינקען די וועלט, אבער ווען זיי קומען צו די ברעגעס פון ים, און ריהרען אָן די זאַמד, ציהען זיך די כוואַליעס צו־ריק אין ים אריין און טהוען מער נישט קיין שלעכטס. אַזוי זאָגט די תורה, אויב זיי וועלען זיין ווי די שטערן, וועלען זיי ווערען באַשיצט פון די רשעי עכו"ם, אַזוי ווי די זאַמד באַשיצט, אַז די כוואַליעס זאָלען נישט נישט פאַרפלייצען און עס וועט אויך פארקומען אז וירש זרעך את שער אויביו, די אידען וועלען באַזיגען זייערע פיינד, און דאָס איז דאָך די שיטה פון מזרחי, אַז אידען זאָלען זיין ווי די שטערען אין הימעל.

ח.

תורה און ערד אַרבייט

א פאָלקס ווערטעל זאָגט, ווען איז דער אָרימאַן פרעהליך,
ווען ער האָט געפונען דאָס וואָס ער האָט פארלוירען.

דער פאָלקס ווערטעל איז ריכטיג, צוגעפאסט צו דער באַוועגונג ישוב ארץ ישראל, וועלכע עס געהט שוין אָן פון אַ לענגערע צייט אין אידישען לעבען, און ספּעציעל יעצט אין דער געגענווארט פון אונזער לע־בען די באַוועגונג פון די חלוצים אין אַלגעמיין, און די חלוצי המזרחי (הסתדרות תורה ועבודה) בפרט, וועלכע שטרעבען אוועקשטעלען און איינאָרדענען אין ארץ ישראל, צוריק דאָס אידישע לעבען אויף ערד־אַרבייט. איז דאָך דער אידישער פאלק, פון דעם מאָמענט ווי ער האָט גענומען עקזיסטירען אַלס אַ פאָלק, נאָך גאָר פון זייער פריהער יוגענד, באַצייכענט געוואָרען אין תנ"ך, אַז זיין גאַנצער גליק איז דורך ערד־אר־בייט, און דאָס איז דער נאַטירליכער לעבען, דורך די פאראייניגונג פון מענש און נאַטור, דורך אַקערען, זייען, שניידען, און נאָך אַזעלכע פעלד־אַרבייטען, און אַט דער נאַטירליכער געזונטער לעבען איז איבערגעריסען געוואָרען ביי אידען פון דעם טאָג ווען ער איז פארטריבען געוואָרען פון זיין לאַנד און פארשפּרייט געוואָרען אין אַלע טיילען פון גאָר דער וועלט, און ער האָט ניט קיין באַשטימטען באָדען און קיין מקום מנוחה וואו זיך אויפצוהאַלטען.

ווי געזאגט, ווערט באַצייכענט דער אידישער גליק אין תנ"ך דורך

ערד-ארבייט. און דייטליך און קלאָהר האָט עס די תורה באַטאָנט אין פילע שטעלען. אין פרשה בחוקותי, ונתתי גשמיכם בעתם, ונתנה הארץ יבולה, ועץ השדה יתן את פריו. והשיג לכם דיש את בציר, ובציר ישיג את זרע, וברך פרי בטנך ופרי אדמתך, דגנך ותירושך ויצהרך (עקב פ' א'), כי ד' אלק' מביאך אל ארץ טובה ארץ נחלי מים וגו' ארץ חטה ושעורה וגפן ותאנה ורמון (פ' עקב הנ"ל). ונתתי מטר ארצכם בעתו, יורה ומלקוש ואספת דגנך ותירושך ויצהרך (עקב פ' ששי(. והותירך ד' לטובה בפרי בטנך ובפרי בהמתך ובפרי אדמתך על האדמה אשר נשבע ד' לאבותיך לתת לך. יפתח ד' לך את אוצרו הטוב את השמים לתת מטר ארצך בעתו ולברך את כל מעשה ידיך. וישב ישראל ויהודה לבטח איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו (מלכים א' ה'), ושבתי את שבות עמי ישראל ובנו ערים נשמות וישבו ונטעו כרמים ושתו את יינם ועשו גנות ואכלו את פרים (עמוס ט'), וישבו איש תחת גפנו ותחת תאנתו ואין מחריד (מיכה ד'); בנו בתים ושבו ונטעו גנות ואכלו את פרין (ירמיה כ"ט); עוד תטעו כרמים בערי שומרון נטעו נטעים וחללו (ירמיה ל"א); און נאָך אין פילע פסוקים ווי די אויבענדערמאָנטע, וועלכע עס באַווייזען אונז קלאָהר און דייטליך די לעבענס-פּראגראם לי-ניע פון דער תורה אויף דעם קערפּערליכען געביט, אַז די קוועלען און די השפעה זיינע, זאָל זיך ציהען דירעקט גלייך פון ערד-ארבייט. פון פלאַנצען גערטנער, אַקערען פעלדער, און זייען די ערד, און נאָך אַזעל-כע, אָבער פאר קיין פאַל נישט פון לופט-פרנסות, פון דברים של מה בכך, וולעכע האָבען ניט קיין געזונטען באַדען אונטער זיך, און וועל-כע עס שטעלען אין געפאהר דעם באַטרעפענדען מענשען, וועלכער עס פארנעמט זיך מיט דעם.

אין דער גמרא געפינען מיר שוין מיינונגען, וועלכע מאַכען נישט אַזוי גרוים דעם ווערט פון ערד-ארבייט, (זעה יבמות ס"ג), אָבער ווי באַוואוסט, איז אין די צייטען פון די חכמי התלמוד, זיינען שוין דאן אי-דען געווען אין גלות, אונטער געוואָרפען אַלע אומשטענדען פון זייערע אַנגרייפער, וועלכע האָבען געהאט די אויבערהאנט איבער זיי. אין אַזאַ שטאַנד זיינען די אידען ניט געווען מסוגל צו עבודת אדמה, ערד-ארבייט

ווי אין די צייטען ווען זיי זיינען געזעסען פעסט איינגעווארצעלט אויף זייער באָדען, ווייל יעדע מינוט זיינען זיי געווען אונטערגעווארפען דעם שיקזאל פארטריבען צו ווערען פון לאנד, וואו זיי האָבען זיך געפונען און אלעם פארלאָזען, און ווייל אין יעדער לאנד איז זיי פארגעשטאַנען אַט דער ביטערער און פינסטערער גורל, דעריבער האָבען זיי זיך פארנומען מיט האנדעל און וואנדעל. מיט אזעלכע פרנסות, וואָס מען זאָל קענען מיטנעהמען מיט זיך, זייער פארמעגען, ווען זיי וועט אויסקומען פאר־לאָזען דאָס לאנד, ווען זיי ווערען אָנגעגריפען און זוכען נייע ערטער, וואו צו קענען מעהר אָדער וויניגער זיך איינאָרדענען.

ווי שרעקליך עס איז הערענדיג שטענדיג שימפּ־ווערטער, פון אַלע שונאי ישראל און אַנטיסעמיטען, געגען אידען, אין אַלע לענדער, וואו זיי האָבען זיך געפונען, אַז דער אידישער פאָלק, איז אַ פאָלק פון האַנ־דעל־וואנדעל, פון פראַצענטניקעס, לעבען פון לופט, אידען ווילען לעבען גרינג, און נאָך אַזעלכע דברי רוח ואון. זיי פלאַנצען מיט דעם איין אויך שנאה צו אידען, ביי אָרענטליכע קריסטען, וועלכע דענקען גו־טעס אויף אידען, און ווען מיר הערען אַט די באַשולדיגונגען געגען אי־דען, זאָגען מירצו זיי, שווייגט, פארמאַכט אייערע מיילער, און רעדט נישט אזעלכע ליגענס, און ווארפט ניט אזעלכע שמוץ אויף אידען. און מיט אַ דריי־גאָרענדיגען ענטפער, וועלען מיר אייך ווייזען, אַז איהר זאָגט ניט קיין אמת. אייערערייד האָט קיין ווערדע ניט. עס איז ווינט־רייד און האָבען קיין שום גרונט ניט.

א) ווען מיר זאָלען אייך נאָך געבען אפילו אז עס געפינען זיך ביי אידען איינציגע מענשען וועלכע פארדינען אייערע באַשולדיגונגען, און עס קליידעט זיי ריכטיג, איז צוליב איינצעלנע מענשען קען מען באַ־שולדיגען אַ גאַנצען פאָלק? איז עס רעכט אזוי, איז עס דער יושר אזוי. און צווישען אייך באַשולדיגער, צווישען אייערע פעלקער, געפינען זיך ניט איינצעלנע מענשען וועלכע זיינען שולדיג אין די באַשולדיגונגען, וואָס איהר באַשולדיגט אונז, טאָ פאַר וואָס שטורמט איהר ניט אויף דעם גאַנצען פאָלק צוליב די יחידים.

ב) ווען אפילו מיר זאָלען נאָך געבען אז אייערע באשולדיגונגען איז אין גאַנצען אמת, איז עס אבער ניט אויף אונזער אַדרעס, נאָר אויף אייער אַדרעס זעלבסט. איהר זייט שולדיג אין דאָס אַלעס וואָס איהר באַשולדיגט אונז. דאָס מיינט, איהר האָט אונז געשטופּט, אַז מיר זאָלען געהן אין די וועגען וועלכע איהר טייטעלט מיט די פינגער, אז עס איז נישט קיין כשר'ע.

נאָר איהר אַליין זיינט שולדיג אין דעם. איהר האָט גורם געווען אַז מיר זאָלען זיך אַריינפּאַסען אין אַזעלכע פרנסות. איהר האָט אונז פאַרשטעלט די וועגען פון אנדערע פרנסות. איהר האָט אונז אין אַלעם באַגרעניצט. איהר האָט אונז אריין געוואָרפען אין דער ענגער פינסטערער געטהאָ. איהר האָט פון אונז פאַרשלאָסען אַלע קוועלען און צינורות פון אַלע פּרוכטבאַרעאון קולטורעלע אַרבייט אויף אַלע געביעטען, איהר האָט אונז געדריקט און געשטיקט. איהר האָט די שרעקליכסטע גזרות דורכגעפיהרט אויף אונז. דאָס אַלעס האָט אונז מאַנכעס מאָהל געצוואונגען פאַרנעמען זיך מיט ניט גאָר קיין ריינע און שעהנע פרנסות, וועלכע זיינען ניט אין איינקלאַנג מיט אַן ענטוויקעלט פאָלק.

און נאָך אַלעמען, און נאָך די אַלע שרעקענס אפילו, קען מען נאָר אָנצייגען אויף יחידים, און ניט אויף דעם גאַנצען פאָלק. און דריטענס, מיט שטאָלץ ווייזען מיר אַן און מיר ווילען עפענען אייערע אויגען, און עפענען אייערע אויערען, אַז איהר זאָלט זיך איבערצייגען אין דעם אומשטערבליכען אידישען גייסט. אויף זיין אויסערגעוועהנליכע גייסטיגע שטאַרקייט, אויף זיין איבערנאַטירליכע שטרעבען צום לעבען און צו עקזיסטירען.

מיר ווילען פאר אייך אויפדעקען די גרויסע אידישע כשרונות, אַז אין יעדער צייט, אונטער אַלעשרעקליכע, פינסטערע און פיינליכע אומשטענדען, פון צרות און ליידען, פון פיין און אַנגסט, פון טרעהרען און בלוט, געפינט דער אידישער פאָלק פאַרשיעדענע וועגען און עצות, ווי צו באַשיצען זיך און זיך אָפּשטעלען לעבען, און פאר קיין פאל זיך ניט לאָזען פאַרפלייצט ווערען מיט די שטראָמען פון וואסערען, אין וועלכע די געגנער זיינע ווילען אַז ער זאָל דערטרונקען ווערען.

און לאָמיר זיך פארשטעלען אביישפּיעל. עס זיינען געווען צוויי גרויסע העלדען, וועלכעהאָבען באוואונדערט די וועלט מיט זיירע העלדענטהאטען, און די העלדען זיינען קראַנק געוואָרען און געבליבען ליגען אין בעט. די דאָקטוירים וועלכע ס'האָבען זיי בעטראכט, האָבען אויסגעפינען אז מען מוז ביידע אפּערירען, און פּיליכט נאָך די ערשטע אָפּעראציאָן וועלען זיי מוזען דורכמאכען א צווייטע און א דריטע. איינער פון די העלדען האָט זיך געלאָזט מאכען די ערשטע אָפּעראציע, אָבער דורכמאכען א צווייטע אָפּעראציע, צו דעם האָט ער שוין נישט איינגעשטימט. פיהלענדיג די גרויסע יסורים וואָס ער האָט געליטען ווען ער איז דורכגעגאנגען די ערשטע אָפּעראציאָן. זיינע קרעפטען זיינען איהם אויסגעגאַנגען בּיסלעכווייז, ער איז אָפּגעשוואכט געוואָרען, און האָט אויסגעהויכט זיין לעצטען אָטעהם.

אָבער ניט אזוי איז פארגעקומען מיט דעם צווייטען העלד, וויסענדיג אז איהם קומט פאָר צו האָבען נאָך אַן אָפּעראציע, האָט ער זיך געשטאַרק, און האָט אָנגעווענדעט אַלע זיינע קרעפטען דורך פארשיעדענע מיטלען, דורך גרויסע דאָקטוירים און היילבארע רעצעפּטען, אום ער זאָל קענען אַריבער טראָגען די צווייטע אָפּעראציע, און ער זאָל פאַרבלייבען לעבען. און אַזוי איז עס טאַקע פארגעקומען. ג—ט האָט איהם געהאָלפען, און בּיסלעכווייז האָט ער זיך געשטעלט אויף זיינע פיס, דער געזונד האָט זיך צו איהם אומגעקעהרט, צו זיין גליק און צו די פרייד פון אַלע זיינע גוטע פריינד.

נאָך דיזער פאָרשטעלונג פארשטעהט יעדער אַז דער אמת'ער העלד איז דער צווייטער, וועלכער האָט געטאָהן אלע מיטלען אום צו בלייבען לעבען. ער האָט געוויזען העלדענטהאט, אז אפילו ווען ער איז שוין געווען אָפּגעשוואכט פון די ערשטע אָפּעראציאָן, האָט ער זיך נישט פארלוירען. ער האָט זיך געשטאַרקט און אזוי ארום איז ער געבליבען צווישען די לעבעדיגע.

אָבער דער ערשטער העלד, האָט נור געקאָנט אַריבער טראגען איין אָפּעראציע, און ווען עס איז איהם אויסגעקומען צו האָבען א צוויי-

טע האָט ער זיך פאַרלוירען, און איז אזוי אומגעקומען און אוועק פון דער וועלט.

דיזער בילד איז ריכטיג צוגעפּאַסט וואָס אָנבעלאַנגט דעם אידישען פאָלק, אין באַצוג צו די אור-אַלטע פעלקער, וועלכע ווערען דערמאָנט אין תנ"ך. מיר דוכט אַז אין דעם הינזיכט, האָט דער אידישער פאָלק ניט קיין גלייכען אין דער וועלט געשטיכע, וואָס נאָך אַזעלכע פאַר־פאָלגונגען וואָס דער אידישער פאָלק איז אויסגעשטאַנען אין זיין טויזענד-יאָהריגער מאַרטירער גלות געשיכטע, אין אַלעלענדער וואו ער האָט זיך געפינען און דאָך איז ער געבליבען לעבען אין זיין אייגענעם געשטאַלט, און אין זיין אָרגינעלער פאָרמע, ריכטיג ווי אין דער צייט וואָס ער האָט גענומען עקזיסטירען אַלס אידישער פאָלק.

אָבער די איבעריגע פעלקער, וועלכע ווערען דערמאָנט אין תנ"ך צוגלייך מיט די אידען, ווייסען מיר ניט וואָס עס איז געוואָרען מיט זיי און פון זיי. יעדענפאַלס, האָבען זיי זיך נישט אָפּגעשטעלט גאַנץ אין זייער פאָרמע און געשטאַלט, גלייך ווי זיי האָבען גענומען עקזיסטירען אַלס פאָלק, פילע פון זיי האָבען זיך צומישט מיט די פעלקער וואו זיי האָבען זיך געפינען און זיינען דאָרטען געזעסען. די דאָזיגע פעלקער האָבען נאָר עקזיסטירט ביי זיך אין לאַנד אויף זייער אייגענער טעריטאָריע, מיט דעם אייגענעם קיסר און מיטמענשען.

און אפילו בעת אַז אַ פאָלק האָט געמוזט דורכמאַכען די ערשטע אָפּעראַציאָן, וואָס עס מיינט, מען האָט פאַרניכטעט זיין קעניגליכען פּאָליטישען לעבען און מען האָט איהם געצוואונגען זיך בויגען פאַר זיין אָנגרייפער, און נאָר צוליב דעם וואָס ער האָט ניט געדאַרפט דורכמאַכען די צווייטע אָפּעראַציאָן, וואָס דאָס מיינט, ווערען פאַרטריבען פון זיין אייגענעם לאַנד, און וואַנדערען אין פרעמדע לענדער, — האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבען.

אָבער דער פאָלק וואָס האָט דורכגעמאַכט די צווייטע אָפּעראַציע, און אויך די דריטע, וואָס עס מיינט, ער איז פאַרטריבען געוואָרען פון זיין לאַנד, און אין זיין גלות-לאַנד האָט ער נישט געפונען קיין מקום־

מנוחה. ער איז געוועזן געדריקט אויף יעדער שריט און טריט. פון דעם דאָזיגען פאָלק איז קיין שריד ופליט נישט געבליבען.

אָבער דער אידישער פאָלק האָט דורכגעמכאט אַלע דריי געפעהר־ליכע אָפעראציעס: א) מען האָט חרוב געמאכט זיין לאנד; ב) ער איז פארטריבען געוואָרען אין פרעמדע לענדער; ג) און אינדי גלות לענ־דער האָט ער נים קיין מנוחה. ער איז געדריקט און געשטיקט. מען טראַכט אוים אויף איהם די שרעקליכסטע בלבולים, אום איהם צו גאַר־נישט מאכען. מען קליגט זיך מיט אַלע פארשיעדענע קאָמבינאַציעס, ווי איהם אין גאַנצען אָבווישען פון דער וועלט, און פון דעסטוועגען איז דער אידישער פאָלק נישט אונטערגעגאנגען. ער האָט זיך געקליגט מיט אַלע פארשיעדענע עצות און מיטלען. ער האָט אויסגעפינען אַלע סאָר־טען פרנסות און לעבענס־מיטלען, אום אַנצוהאַלטען זיין עקזיסטענץ, ער זאָל נים אויסגעהן פון הונגער און קעלט, ביז עס וועט קומען אַ בעסע־רע צייט, און די זון פון הצלחה וועט ווידער שיינען אין זיין פענסטער, און ער וועט צוריק אויפבליהען און אויפלעבען. האָט דען דער אידישער פאָלק, פאר אַזעלכע העלדען־ארבייט, נישט פארדינט דעם געהעריגען כבוד. און געווים קומט איהם נישט צו רודף'ן און פאראכטען.

און זעהר טרעפליך האָט ערקלעהרט דער ספר "אמרי השכל", דעם מדרש אויף דעם פסוק "השביעני במרורים הרוני לענה", זאָגט אויף דעם דער מדרש איכה, מה שהשביעני, במרורים בלילי פסח, הרוני לענה בליל ת"ב. דער שיקזאל פון אַ פאָלק, איז ריכטיג ווי דער שיקזאל פון אן איינצעלנעם מענשען. פאראן מענשען וועלכע דארפען לעבען אויף אַ דייעטאַ, זיי טאָרען נים עסען קיין ביטערע, זויערע און געזאַלצענע, און דאָס גלייכען. ווייל זיי זיינען קראַנק אויף פארשידענע לעבענס־גלידער. דאַגעגען זיינען פאראן מענשען וואָס קיין זאַך שאדט זיי נישט. געזונטע שטאַרקע מענשען אויף אַלע גלידער, קענען און מעגען עסען אַלע שווער־סט און גראָבע מאכלים און עס וועט זיי נישט שאַדען.

דאָס גלייכען זיינען פאראן פעלקער, וועלכע זיי לעבען אויף אַ דייעטאַ, ביי זיך אין לאנד, מיט אייגענע מענשען, מיט אַ אייגענעם

קיסר, אייגענע געזעצען, עקזיסטירען זיי נאָך ווי עס איז, אָבער ווען עס קומט זיי אוים צו לעבען ניט אויף זייער דייעטאַ, דאָס מיינט, זיי ווערען פארטריבען פון לאנד, קענען זיי עס ניט איבערטראגען, און זיי געהען אונטער, און ווערען אָפּגעווישט פון דער וועלט. דאָס איז אַ בעוויז אַז זייער אָרגאַניזם איז אַשוואַכער.

דער אידישער פאָלק איז שוין טויזענדער יאָהרען ווי ער לעבט ניט אויף אַ דייעטאַ, האָט ניט קיין לאַנד, האָט ניט קיין רעגירונג, האָט קיין זאַך ניט וואָס עס האלט אויף אַ פאָלק, און דאָך לעבט ער און עקזיסטירט, איז דאָס אַ בעוויז, אַז ער האָט אַ שטאַרקען אָרגאַניזם וואָס ער קען אַלעם אַריבער טראגען.

אָט דאָס איז די באַדייטונג פון מדרש. השביעני במרורים בלילי פסח, אונזער פאָלקס-קערפּער איז אַ געזונטער. ער קען פארטראגען און זאַט ווערען מיט פיל מרור. הרוני לענה בלילה ת"ב. דעריבער קען ער איבערלעבען פילע ת"ב, דאָס מיינט, פילע גזרות און חורבנות, גלות ירושלים, גזרות מסעי הצלב, גירוש שפניא, גזרות ת"ח ות"ט, און נאָך און נאָך. און נאָך אַלע צרות, שטעלט זיך דער אידישער פאָלק אָפּ לעבען, און האָפט שטאַרק אַז ער וועט קומען צוריק צו זיין אמאָהלי-גער גרויסקייט.

ט.

דאָס רעכט צו לעבען אויף דער וועלט

צווישען די פילע אָנקלאַגעס פון די אידישע שונאים באַגעגענען מיר אַ טענה אויף וועלכער עס לוינט זיך אָבשטעלען און גענוי בעטראַכטען.

מ'הערט אָפט מאָנענדיג, וואָס נעמט איהר זיך אַזוי איבער מיט אייער אויסדערוועהלטקייט מיט אייער הויכער מאָראַלישער לעהרע און טיפע יושר־געפיהלען — וואָס גרויסט איהר זיך אַזוי מיט אייער תורה וועלכע ענטהאַלט די העכסטע געזעצען פון צדק און יושר. אָט האָט איהר דאָך אַליין געהאַנדעלט פונקט דעם געזענזאַץ צו אייער געפּרע־דיגטע לעהרען, האָבען דאָך די בני ישראל מיט דער תורה אין האַנט אויסגעשלאַכטעט די פעלקער פון כנען, און האָבען פונקט ווי די אַמאָה־ליגעברבאַרישע שבטים אָנגעפיהרט אַן אויסראַטונג און עראָבערונגס סיסטעם?

און די טענה הערען מיר נישט נאָר פון די שונאים פון יודענטום, פון די אַזוי גערופענע וויסענשאַפטליכע אַנטיסעמיטען, נאָר מ'הערט עס אויך פון די גוט מיינענדע מאָדערנע אידישע יונגע לייט, און ספּעציעל פון די כלומר'שט אויפגעקלעהרטע אידען. זיי קענען נישט פאַרשטעהן די גרויסע סתירה צווישען די הויכע מאָראַלישע געזעצען פון דער אי־דישער תורה, און דער באַפעהל "לא תחיה כל נשמה", זיי קענען נישט אויסגלעטען דעם פּאַראַדאָקס צווישען "לא תרצח" און "החרם תחרימם".

אויבערפלעכליך קלינגט אפשר די טענה גאַנץ שטאַרק. אויבענ־אויף איז די סתירה גאַנץ בולט. און טאַקע, ווי ערקלעהרט זיך עס, אז די תורה, וועלכע ענטהאלט געזעצען פון גערעכטיגקייט, צו דער גאַנ־צער מענשהייט, צו אַלע מענשען וואָס לעבען אויף דער ערד — געזע־צען וועלכע זיינען דער העכסטער אויסדרוק פון מאָראַל און עטהיק, ווי צוםביישפּיעל: "ואהבת לרעך כמוך", "לא תקום ולא תטור", "חוקה אחת ומשפט אחד לכם לגר ולאזרח הארץ", און ווי דער תנא זאגט אין אבות: "חביב אדם שנברא בצלם", און דאָס מיינט מען דאָך סתם מענש, אפילו נישט אַ איד, ווארום די חשיבות און באַליבטקייט פון אַ איד ווערט דאָך אויסגעדריקט אין אַ צווייטער משנה: "חביבין ישראל שנקראו בנים למקום", און די זעלבע תורה ווידער, פאַרזאָגט אויסצוראָטען די שבע אומות?

ווי קומט דאָס, אַז אַ תורה וואָס פאַרדאמט אַזוי שטאַרק אכזריות און אונטערדריקונג געגען אַלע לעבעדיגע באַשעפענישען אויף דער וועלט, און דער גייסט פון רחמנות ווערט אויסגעשפּרייט אַזוי ברייט, אַז עס נעמט אַריין נישט נאָר מענשען, נאָר אפילו בהמות "צער בעלי חיים דאורייתא". מ'טאָר נישט פּייניגען קיין לעבעדיגע באַשעפעניש. שבת דאַרף יעדער בעל חי רוהען. אפילו בוימען און פלאַנצונגען טאָר מען ניט פאַרניכטען, — און די זעלבע תורה באַפעהלט אויסצושלאַכטען די כנענישע פעלקער און אַלעם פאַרוויסטען? לכאורה אַ שאַרפע סתירה!

און דאָך, נאָך אַ קלאָהרע באַטראַכטונג און טיפע אַנאַליזירונג פון דער ערשטער תקופה פון אידישען פאָלק, נאָך אַ גרינדליכען שטודיום, וועגען דעם צושטאַנד און כאַראַקטער פון די פעלקער, וועלכער האָבען באַוואוינט דאָס לאַנד כנען, דערזעהט מען ווי די גאַנצע טענה איז פאַלש און גרונדלאָז, און די סתירה פאַרשווינדט ווי אַ זייפען בלאָז.

עס איז לעכערליך צו מעסטען דעם אידישען קאַמף געגען די פאַר־דאָרבענע אויסגעלאַסענע געצענדינער מיט דער זעלבער מאָס וואָס מען מעסט די מלחמות פון אַנדערע פעלקער. עס איז אַ גרויסער טעות צו קוקען אויף דעם פון אַ שטאַנדפּונקט, אַז די מלחמה וואָס אידען האָבען

געפיהרט געגען די פעלקער פון כנען, איז געקומען פון ענגהארציגקייט, פון ברוטאַליטעט, אָדער פון עראבערישען לוסט.

ניין! און טויזענד מאָהל ניין!

עס איז נישט געווען אַ מלחמה פאַר ערד און רייכטהימער, נאָר פאַר מלכות שמים אויף דער ערד. עס איז געווען אַ קאַמף צווישען גערעכ־טיגקייט און ברוטאַלער מאַכט, צווישען רחמנות און בעסטיאַליטעט. עס איז געווען אַ מלחמה אויסצורייסען מיט'ן וואָרצעל דאָס רשעות, טומאה און פאַרדאָרבענהייט.

גלייך מיט'ן געבורט פון אידישען פאָלק האָט זיך אָנגעהויבען דער קאַמף געגען דער געצענדינערישער וועלט, "למה נקרא שמו סיני מפני שירדה עליו שנאה לאומות העולם (שבת פ"ט), ס'איז געווען דאמאָלסט ווען אַלעס איז נאָך אין אַ ווילדען צושטאַנד געווען. רויה און פאַרדאָר־בען, אַלעס איז געווען איינגעהילט אין פינסטערניש; ווען דער לויטע־רער געטליכער קוואל איז נאָך געווען פאַרשלאָסען, און קיין העכערע אידעע, ווי אויסצונוצען די אַלע ווילדע פּראַסטע תאוות האָט אין מענש־ליכען מח קיין אָרט נישט געקענט געפינען. עס איז געווען דאַן ווען די געצענדינער באַרבאַרישע געזעלשאַפט איז געווען אין ברוטאַלסטען חיה'שען צושטאַנד, אָהן די מינדעסטע געזעצען אָדער פליכטען. ס'האָט געהערשט הפקרות אין גרויזאַמסטען פאָרם. יענע ווילדע באַרבאַרען האָ־בען זיך נישט אָבגעשטעלט אפילו פאַר אַזאַ שוידערליכען, חטא ווי מאָרדען קינדער, ווי עס ווערט דערמאָהנט אין פרשה ראה י"ב: "כי כל תועבת ד' אשר שנא עשו, כי גם את בניהם ואת בנותיהם ישרפו באש. זיי פלעגען אומברענגען זייערע שוואַכע עלטערן, ווי רש"י ברענגט אין פרשה ראה, אמר רבי עקיבא אני ראיתי עובד כוכבים שכפתו לאביו לפני כלבו ואכלו. זיי פלעגען פּראַקטצירען סעקסועלע אַבנאָרמאַלע אוים־געלאַסענהייט פון נידריגסטען סאָרט. האָבען געהאַט געשלעכטליכע צוזאַמענקונפטען מיט בהמות. ווי מ'קען דאָס זעהן דייטליך פון די פּאָל־גענדע פסוקים אין פרשה אחרי מות, ואת זכר לא תשכבו משכבי אשה תועבה היא, וכל בהמה לא תתן שכבתך לטמאה בה, ואשה לא תעמוד

לפני בהמה לרבעה תבל הוא; אל תטמאו בכל אלה. כי בכל אלה נטמאו הגוים אשר אני משלח מפניכם, ותטמא הארץ ואפקד עונה עליה ותקיא הארץ את יושביה״. זיי זיינען באגאנגען אזעלכע מיאוס'ע פארברעכענס אז די שטומע ערד האָט דאָס שוין ניט געקאָנט פארטראָגען. מ'האָט זיך פאר קיין זאך ניט אָפגעשטעלט, מ'האָט געטאָהן וואָס די חיה'שע אינסטינקטען האָבען דיקטירט. זיי זיינען געשטאַנען אין מדרגה פיעל נידריגער ווי די חיה.

זעלבסט פארשטענדליך אַז עס איז געווען אומעגליך פאר אידען צו לעבען בשותפות מיט אַזעלכע באַרבאַרען. דאָס אידישע פאָלק וואָס האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע איבער צו בויען דעם לעבען אויף מענשליכע אידעאַלע יסודות, שאפען אַ לעבען, וואָס איז דורכגעדרינגען מיט גייסט פון צדק און יושר, קדושה און טהרה, און דאָס זאָל דינען אַלס סימבאָל, אַלס וועג-ווייזער פאַר דער גאַנצער וועלט. אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז בשום אופן ניט געווען קיין אָרט פאר שלום, פאר צוזאַמענמישונג, אָדער קאָמפראָמיסען. עס איז געווען אַ ביטערער קאַמף צווישען מענש און חיה. צווישען רעכט און אומרעכט. צווישען קדושה און טומאה. ״לא ישבו בארצך פן יחטיאו אותך; כי מוקש הוא לך; ושמרת את משמרתי לבלתי עשות את כל התועבות אשר נעשו לפניכם ולא תטמאו בהם כי בגלל התועבות האלה ד׳ אלקיך מוריש אותם מפניך, לא תחוס עינך עליהם כי מוקש הוא לך״. אָט אַזעלכע און עהנליכע אויסדרוקען זיינען די דייטליכסטעבאַווייזען אַז די מלחמה געגען די פעלקער פון כנען האָט ניט געהאט קיין ערָאבערונגס צילען, האָט ניט געהאט קיין שפורען פון ברוטאַליטעט, נאָר דער איינציגער צוועק איז געווען דאביי אויסצורייניגען די טומאה, אָבהאקען דעם פארפוילטען און פארגיפטעטען אבר, כדי צו ראַטעווען דעם איבעריגען טייל פון קערפער. אויסרייניגען די אנשטעקענדע באַצילען און מאַכען דעם באָדען אומשעדליך פאר דער ענטוויקלונג פון ממלכת כהנים וגוי קדוש.

דערמיט ערקלעהרט זיך די שטרענגקייט פון דעם אָנזאג: ״זכור אל תשכח״, צו געדענקען נישט צו פארגעסען אויסצוראטען עמלק׳ן. עס

איז געווען דער רוף פון סיני אויסצומעקען דעם מקור פון רשעות. אויס-צורייסען מיט'ן וואָלצעל דעם טומאה באַצילען.

"אין השם שלם ואין כסאו שלם עד שימחה שמו של עמלק". — די געטליכע לעהרע פאר'ן מענש וועט נאָר נים קענען פראַקטיצירט און פאַר-פאָלקאָמט ווערען, ווען דער עמלק-גייסט, דער סימבאָל פון טומאה און רשעות, איז נישט פארטיליגט אויסגעוואָרצעלט.

"לא תחוס עינך עליהם", — די תורה האָט געוואָרענט דעם איד גע-גען רחמנות, ווען עס קומט אויסצורייניגען פאַרדאָרבענהייט. ווען ג—ט האָט באַפוילען שאול המלך אויסצוראָטען עמלק'ן, האָט שאול נים גע-קענט פאַרשטעהן און געצווייפעלט אין די ריכטיגקייט פון דעם טאָהט. ער האָט געזאָגט, אויב אויף איין אומגעקומענעם נפש הייסט די תורה ברענגען אַן עגלה ערופה, אַראַבצונעהמען די שולד און שאַנד-פלעק פון דער געמיינדע, על אחת כמה וכמה, צו פאַרניכטען אַ גאַנצען פאָלק — אַ מאַססען-שחיטה, איז דאָך דער פאַרברעכען שרעקליך. האָט אַ געטלי-כע שטים פון הימעל איהם געענטפערט: שאול זיי נים צו פיל צדיק, צווייפעל נישט אין די ריכטיגקייט פון ג—ט'ס דרכים. מעסט נישט מיט דיין קורצען פאַרשטאַנד און שוואַכען בליק די געטליכע מצות — אין פאַל פון "ובערת הרע מקרבך", טאָר מען נישט בעאיינפלוסט ווערען פון רחמנות-געפיהלען, ווייל עס איז נישט קיין אמת'ע רחמנות וואָס איז באַזירט אויף געזונטע לאָגיק. עס איז בלויז נערוועז-שוואַכקייט און קורצ-זיכטיגקייט. (זעה מיין ספר "זכרון שמואל" חלק א' דרוש לפ' שמות).

אסור לבין דין לחוס על ההורג שלא יאמרו כבר נהרג זה ומה תועלת יש בהריגתו של הורג ונמצא מתרשלין בהריגתו שנאמר, ולא תחוס עינך עליו ובערת דם נקי. (רמב"ם הלכות סנהדרין פרק ב' הלכה ד').

אויסראָמען שלעכטעס, אויסרייניגען פאַרברעכענס איז נישט קיין אַקט פון נקמה, עס איז אַ דרינגענדע נויטווענדיגקייט, פאַר דער עקזיס-טירענדע מענשליכע געזעלשאַפט, און מען מוז דאַביי זיך באַנוצען מיט געזונדטען פאַרשטאַנד, און נישט ווערען הינגעריסען פון שוואַכהאַרציג

סענטימענטען. נישט רחמנות האָבען אויפ'ן שולדיגען, אויפ'ן שעדליכען פארברעכער, רייס אוים די שלעכטם מיט'ן ווארצעל.

און פון יורידישען שטאַנדפונקט איז דער ענין אויך גאַנץ קלאָהר. אַ מענש האָט נאָר דאַן עקזיסטענץ בארעכטיגונג, ווען מיט זיין לעבען אויף דער וועלט, ברענגט ער נוצען דער וועלט. ער צאָהלט פאַר אַלעס וואָס ער פארברויכט פון די וועלט אוצרות, אָבער ווען אַ מענש גיט גאָר נישט דער וועלט, נאָר פאַרקעהרט, ער צושטערט, רויבט און פארניכטעט אַנדערע, דאַן האָט ער זיכער נישט קיין עקזיסטענץ בארעכטיגונג. דאַן פארלירט ער זיין מענשליכע ווערטה, און עס איז אַ פליכט איהם אָפּצוראַמען פון דער ערד, צו מאַכען איהם אומשעדליך פאַר דער פרידליכער געזעלשאַפט. ביי אַלע ציוויליזירטע פעלקער איז איינגעפיהרט געזעצען פון טוידט שטראַף פאַר ברואים וועלכע זיינען אַ סכנה פאַר דער מענשהייט.

און אויב מ'קאָן געפינען וואָס אויסצוזעצען געגען טוידט שטראַף, פאַר אַן אינדיווידיאום, אויב מ'קאָן געפינען אַ זכות פאַר אַן איינצעלנעם פאַרברעכער פאַרטיידיגען איהם מיט די טענות אַז ער איז דורך סבות אַרונטער געשטויסען געוואָרען פון גלייכען וועג. אַז ער איז גייסטיג קראַנק, און דאַרף קורירט ווערען אין אַ תפיסה-סאַניטאַריום, קען מען אָבער אַזעלכע טענות בנוגע פאַרברעכערישע פעלקער וועלכע האָבען זיך געמאַכט אַ קולט פון באַרבאַריזם, אָדער קאַנאַבאַליזם, און זייערע ווילדע מעשים ווערען געטאָהן מיט אַ פראגראַם, מיט אַ שיטה. קעגען אַזעלכעאיז נישטאָ קיין אַנדער רפואה ווי אויסראַטונג, אַזעלכע זיינען אַ גרויס געפאַהר פאַר דער וועלט, און האָבען פאַרלוירען עקזיסטענץ באַרעכטיגונג.

מאַכענדיג אַ געגויען שטודיום אין דער תקופה פון אידישער פאָלקסגעבורט, בעטראַכטענדיג דאָס אַלעס גרינדליך און אַלזייטיג, אָהן פאַראורטיילען, בלייבט קיין שום צווייפעל, אַז דער אידישער קאַמף געגען די געצענדינערישע פעלקער פון כנען איז געווען לגמרי אַנדערש און האָט אַן אַנדער כאַראַקטער ווי די מלחמות פון פעלקער און שבטים, איבער

דער גאנצער וועלט. יעדער לאגיש דענקענדער מענש, וועט צוגעבען, אז דער אידישער קאמף איז געווען הויפטזעכליך, פאר א נייע וועלט אָרד־נונג, צו שאפען א נייעם מענש, אויפהויבען איהם פון שמוציגען זומפּ און ארויפגעבען אויף איהם דעם צלם אלקי׳.

עס איז געווען א קאמף צווישען קדושה און טומאה, — צווישען הימעל און ערד. אדער ריכטיגער געזאגט, אויפצוהויבען די ערד נעהנ־טער צום הימעל, ארויפגעבען אויפ׳ן מענש דעם צלם אלק׳. און קיין שום עלעמענט פון אכזריות אָדער בייזוויליגקייט איז אין דעם קאמף געגען די שבעאומות נישטא.

איצט פארשטעהען מיר זעהר דייטליך דעם פסוק, "כי מלאה הארץ חמס מפניהם והנני משחיתם מן הארץ", די זינד און אונטערמענשליכ־קייט פון דור המבול, האט דערגרייכט דעם נידריגסטען תהום. ווייל עס איז געטאהן געוואָרען מיט א שיטה, מאסען־פארברעכען מיט א קולט גרויזאמקייט און שרעקליכקייט פון זייער זינד איז געקומען פון — פון בארבאריזם און אויסגעלאסענהייט. "כי מלאה הארץ חמס", — "מפניהם". ווייל די זינד זיינען געטאָהן געוואָרען עפענטליך פאר אַלע־מענס אויגען, אָהן שאנדע און אָהן געוויסענביסע. און ביי אזא צו־שטאנד, פון פארדארבענהייט און געפלאנטע אויסגעלאסענהייט, בלייבט איבער דער איינציגער מיטעל, אויסרייסען די שלעכטיץ מיט׳ן ווארצעל. דאן איז "קץ כל בשר בא לפני", אזעלכע האבען פארלאָרען עקזיסטעניץ בארעכטיגונג, — אזעלכע זיינען שעדליך פאר דער וועלט, דעריבער והנני משחיתם מן הארץ.

י.

אָרגאַניזאַציע און איינִיגקייט.

אין דער, טויזענד-יעהריגער אידישער מארטירער גלות-געשיכטע ווען אין פארשידענע צייטען, האָט פארדעקט א פינסטערער וואָלקען אויף'ן אידישען גייסטיגען אָדער מאַטעריעלען לעבען, און עס האָט געזאָלט פארקומען א קאַטאַסטראָפע, האָבען שטענדיג זיך געפינען אויך בעלי בתים דורך געדרונגען מיט תורה געפיהלען און אידישען גייסט, וועלכעזיינען געקומען מיט כח און מח העלפען און ראטעווען. און אזוי איז מען אַרוים גאנץ פון דעם פאראוים געזעהענעם אומגליק, והכל על מקומו בא בשלום. (עיין בספר תולדות יצחק להסופר יעקב ליפשיץ מקאָוונא, ווארשא תרנ"ז, ובספר זכרון יעקב מהסופר הנ"ל, ובמאמרו דור דור וסופריו "בהכרם" להסופר אלעזר אַטלעס, תרמ"ח). מיט אונזערע אויגען האָבען מיר געזעהן פאקטען, וועלכע וועלען פארשריבען ווערען, מיט גאָלדענע ווערטער אין דער אידישער געשיכטע, און נעמליך, אין אָנפאנג די גרויסע וועלט מלחמה, 1914—15, ווען אין די צעהנדליגער, הונדערטער טויזענדער אידען, זיינען געלאָפען אדער פארטריבען געוואָרען, פון פוילען, ליטא, לאַטוויע, פינלאנד, א. ז. וו. און זיינען פארשיקט געוואָרען אין די אינערליכע צענטראלע שטעדט פון רוסלאנד, און די אַסימילירטע און האלב אַסימילירטע אידען, האָבען עמפאנגען מיט גרוים רחמנות געפיהלען די אידישע פליכטלינגע. און האָבען זיי ווייניגער אָדער מעהרער איינגעארדענט מאַטעריאליש, און ווען די פארשידענע קאָמיטעטען פון די רוסישע אידען האָבען גענומען איינ־

אָרדענען די פליכטלינגע אויך אויף דעם גייסטיגען געביעט, און האָבען געוואָלט פארבויגען אביסעל דעם רעליגיעזען געפיהל פון די אומגליק־ליכע אנטלאָפענע, האָט זיך געגרינדעט גלייך אין פעטערבורג און מאָס־קווא, ספּעציעלע קאָמיטעטען פון בע״ב יראים ושלמים, אויפצוהאַלטען רבנים, שוחטים, חדרים, מקוואות, און אז. וו., אין די אלע שטעדט און שטעדטלאך וואו די אידען זיינען פארוואָרפען געוואָרען.

אין מאָסקווא איז געשטאַנען בראש פון דעם קאָמיטעט, דער בע־וואוסטער גביר און למדן, וירא שמים, ר׳ רפאל שלמה גאָץ ז״ל, דער איידעם פון וויסאָצקי׳ן און ער האָט ניט גערוהט ביז ער האָט אוועק־געשטעלט דעם קאָמיטעט אויף אַ זיכערען שטאַנד, אז מען זאָל קענען איינאָרדענען אלע אידישע רעליגיעזע פונקציעס. (ענדע **1918** יאָהר ביי דער רעגירונג פון די באָלשעוויקעס, ווען ר׳ רפאל שלמה גאָץ ז״ל האָט געמוזט אַנטלויפען פון מאָסקווא, איז דער קאָמיטעט אויך אונטערגע־גאַנגען).

זייער פיעל האָט געהאָלפען אין די וויכטיגע ארבייט הרב הגאון מוהרי״ל גרויבארט ז״ל, וועלכער איז לעצטענס נפטר געוואָרען אין טאָרונטא, קענעדע, וואו ער האָט פאַרנומען דעם כסא הרבנות.

הרב גרויבארט ז״ל, איז אַרום געפאָהרען אין די אַלע רוסישע שטעדט און שטעדטלאך, וואו די פליכלינגע האָבען זיך געפינען און האָט אַריין געזעצט רבנים, שוחטים. געגרינדעט חדרים, געבויעט מקוואות און האָט געגעבען געלד אויף אַלעם מיט אַ ברייטער האנד (עיין ״ספר זכרון״ להרב הנ״ל הוצאת מוסרה לודז תרפ״ז). לייענענ־דיג דעם ספר, ווערט מען פארוואונדערט פון די אומגעהויערע גרויסע ארבייט וואָס זיי האָבען געשאַפען אויף דעם געביעט. און אזוי איז דאָס אידענטום פארשטאַרקט געוואָרען אויך אין די ווילדע סטעפּעס פון סי־ביר, וואו די פליכטלינגע האָבען זיך געפונען.

אָבער לײדער, דאָ אין אַמעריקא, צו דעם טרויעריגען מצב פון אָר־טאָדאָקסישען יודענטום, ווערט די טראַגעדיע נאָך גרעסער מיט דעם וואָס קיינעם אינטערעסירט ניט דער מצב. קיינער פון די רייכע בעלי

בתים זיינען נישט פאראינטערעסירט צו שאפען וואס וויכטיגעס אויף דיזען געביעט.

אין אלע שוהלען גרעסערע ווי קלענערע, זיינען די מעמבערס פאר־נומען מיט זייער פאליטיק פון שוהל. וועגען פרעזידענט פון שוהל און די איבעריגע אפיסערס, אין פיעלע שוהלען איז מען אויך פאראינטע־רעסירט מיט צדקה אנשטאלטען, ווי גמילות חסדים, לחם לעניים, ביקור חולים און אז. וו.

אמת, די דאזיגע ארבייט איז אויך א נויטיגע, די דאזיגע אינסטיטו־ציעס זיינען וויכטיג. מען העלפט מענשען, מען ראטעוועט פילע פון אונ־טערגאנג און די ארבייטער און מתעסקים טהוען פיל גוטעס מיט זייערע לייסטונגען. אבער די אלע עיקרי היהדות ווי שבת, מקואות, חינוך, כשרות, ישיבות, לימוד התורה, זיינען כאבן שאין לו הופכים. מען איז נים גענוג פאראינטערעסירט ווי עס דארף זיין צו אזעלכע עיקרי היהדות, וואס נור א דאנק די דאזיגע עיקרים איז דער אידישער פאלק געבלי־בען גאנץ, און איז נים אונטערגעגאנגען. אדער האט זיך נישט אסימי־לירט, וואו ער האט זיך געפינען. אבער ווען אט די עיקרי היהדות ווע־רען פארנאכלעסיגט, איז ווי אזוי קענען מיר געהאלפען ווערען, און ווי קען זיך אידישקייט שטארקען, און צו וואס קענען מיר האפען?

עס איז באמת געווען אזא תקופה אויך אין דעם אידישען לעבען. מיט צוויי יובל יאהרען בעפאר, ווען דער גייסט פון רעפארם האט שטארק געשלאגען זיינעווארצלען אין דייטשלאנד, און האט טיעף אריינ־געדרונגען אין די אידישע הייזער און אידישע פאמיליעס. אבער דאן איז ארויפגעשוואומען אזא גרויסער גייסטיגער ריעז ווי רבינו הירש, וועל־כער איז געווען גרויס און מעכטיג אויף אלע געביעטען. אין תורה און חכמה, און איז אויך געווען א גלענצענדער רעדנער און טאלאנטירטער שרייבער. מיט א אויסערגעוועהנליכער ענערגיע, און וועלכע האט גע־שפראצט מיט פונקען פייער פון מסירת נפש, פאר תורה און מצות, און מיט די צעהן מענשען וועלכע זיינען געבליבען טריי דעם טראדיציאנע־לען יודענטום אין פראנקפורט אם מיין, האט ער געקעמפט ווי א לייב,

און ער האט אין גאנץ דייטשלאנד אויפגעלעבט די אידיאלען פון דער תורה, און ביז היינטיגען טאג איז דארטען פארבליבען אין יעדער שטאט פילע פרומע עהרליכע אידען, שומרי תורה ומצות, וועלכע זיינען אר־גאניזירט אין בעזונדערע קהלות, אבער דא אין אמעריקא, ביי די אומ־שטענדען, קען זיך ניט טרעפען אזעלכע גרויסע מענשען, וועלכע זא־לען זיין בכח אויפטאהן וואס וויכטיגעס אויף דעם געביעט.

אבער פון דעם איז נאך אלעס ניט פארלוירען. אמת, קיין איינצעל־נע גרויסע קרעפטען הן אין רבני'שען לאגער, והן בע"ב פארמאגען מיר נישט. אבער זאלען זיך די אידען, וועלכע קימערען זיך פאר תורה און מצות, און רופען זיך ארטאדאקסען, מעהרער זיך ארגאניזירען, און פאר־איינינגען צוזאמען, ארבייטען קאלעקטיוו, פאר שמירת שבת, חינוך, כשרות, ישיבות און ד. גל. זאלען אלע ארטאדאקסישע שוהלען שליסען א פערבאנד, און וויסען איינע פון די צווייטע, וואס עס קומט פאר אין יודענטום, און זוכען מיטלען אז אלעס זאל געפיהרט ווערען, על פי דרך התורה, און פאר וואס טהוען מיר ניט כמתוקנין שבהם, וואו ארגאניזא־ציע און איינינגקייט איז דער ערשטער פרינציפ אין גרונט געזעץ.

די צייט איז שוין רייף פאר דעם. און אויב ניט יעצט טא ווען. מיר שטעהען דא אויף דעם שוועל פון אסימילאציע. דער יוגענד געהט אוועק פון אונז. די בתי מדרשים און בתי כנסיות זיינען פוסט. און נאר מיט פאראייניגטע כחות וועלען מיר בע"ה, קענען וואס פארבעסערען, דעם טרויעריגען הפקר'דיגען צושטאנד, עס איז שוין צייט, עס איז שוין צייט...!

יא.

תלמידי חכמים און עמי הארצים.

עס ווערט דערצעהלט א געשיכטע, אז איינער א פשוט'ער איד, האט געהערט לעהרנענדיג אין שוהל תנ"ך, ווי די נביאים האבען גע־שטראפט די אידען: ווארום זיי דינען עבודה זרה, און דעם גרויסען שטראף וואס ג—ט וועט ברענגען אויף זיי פאר דעם. האט ער גע־קוועטשט מיט די פלייצעס, און האט זיך שטארק געוואונדערט, — סטייטש, האט ער גע'טענה'ט: אין חומש שטעהט דאך בפירוש, אז מען זאל יא דינען עבודה זרה. עס שטעהט דאך אין קריאת שמע, ועבדתם אלק' אחרים, והשתחויתם להם, און פרעגענדיג אזוי די וואונדער קשיא צו איינעם א תלמיד חכם, האט איהם דער תלמיד חכם געענטפערט: יא מיין ליבער איד, אז מען זעהט ניט וואס שטעהט פריהער און שפעטער, קען טאקע אויסקומען אז מען מעג דינען עבודה זרה, אבער לייענט די פריהערדיגע ווערטער פאר דעם פסוק, פון ועבדתם אלק' אחרים, און דעם פסוק נאכהער, וועט איהר זיך שוין איבערצייגען, צו זייט איהר גע־רעכט מיט אייער פראגע. פריהער שטעהט געשריבען, השמרו לכם פן יפתה לבבכם וסרתם ועבדתם אלק' אחרים, און נאכהער שטעהט וחרה אף ד' בכם, וכו', אז מען לייענט אלעס צו זאמען, זעהט מען דאך קלאהר וואס דער חומש זאגט וועגען דינען עבודה זרה.

אט דער סאטירישער אנעקדאט איז מיר ארויף אויף מיין רעיון, ווען איך האב געלייענט אין "פארווערטס" פון פרייטאג דעם 27טען יוני, 1930, דעם ארטיקעל "דאס ווארט עם הארץ האט פארצייטען געהאט

גאָר אַן אנדער בעדייטונג, ווי דאָס האָט היינט," — פון דר. ז. קאַדיש.

דער באַטרעפענדער אַרטיקעל אין אָנפאנגס פאָלגט: עם הארץ איז אַלזאָ היינט, דער היפוך פון למדן, אָט די בעדייטונג האָט עם הארץ גע־האָט שוין אין די צייטען פון משנה, אַכצעהן נײַנצעהן הונדערט יאָהר צוריק. אין יענער צייט, זיינען דער חבר און דער עם הארץ געווען אין גאנצען אָבגעשייד איינער פון אנדערען. דער "חבר", דער מיטגליעד פון דער "חבורה" פון דער געזעלשאַפט פון די פרושים, האָט ניט גע־האָט קיין פאַרקעהר, קיין באַריהרונג מיט דעם עם הארץ. ד ע ם אומוויסענדען אידישען פויער וועלכער האָט ניט געוואוסט די דינים פון טומאה וטהרה, און האָט ניט געגעבען קיין מעשר פון זיין תבואה, אָבער ניט בלויז האָט דער חבר אין דער צייט פון די תנאים זיך געהאלטען פון ווייטען פון דעם עם הארץ. נאָר ער האָט פאַראַכטעט און פיינט געהאַט גלייך ווי דער עם הארץ וואָלט גאָר קיין מענש ניט געווען נאָר אַ בהמה. ביי אַזאַ באַציהונג, צווישען די דאָזיגע צוויי קלאַסען אידען, די רעליגיעזע אינטעליגענטען און די אומוויסענדע פויערים איז פארשטענדליך, אַז עס איז אויפגעקומען, אַ געגענזייטיגע שנאה צווישען זיי. די חברים האָבען פיינט געהאַט די עמי הארצים, און פונקט אזוי און פילייכט נאָך מעהרער האָבען די עמי הארצים פיינט געהאַט די תלמידי חכמים. די שנאה פון די עמי הארצים צו די תלמידי חכמים, שטעהט עס שוין אין גמרא, איז נאָך גרעסער ווי די שנאה פון גוים צו אידען (פסחים מ"ט).

אין יענע צייטען, האָט עם הארץ שוין אַלזאָ בעדייט אַן אומוויסענ־דער אין דער תורה, און א ז. וו.

איך וויל זיך ניט אָפּשטעלען דאָ אויף דעם גאַנצען באַגריף אין ברייטען און טיעפען זינן פון וואָרט, וואָס ווערט אָנגערופען "עם הארץ", וועלכער ווערט דערמאָנט אין תנ"ך, און אין ש"ס בבלי וירושלמי, מדרשים און אין די איבעריגע ספרים און אויך אין דער נייער העברע־אישער ליטעראַטור. ניט אין אַ קורצען אַרטיקעל איז דער אָרט אויף דעם. שרייבען וועגען דער גאַנצער בעדייטונג פון עם־הארץ אין די אוי־בען דערמאָנטעספרים, דאַרף פאַרנעהמען זעהר פיעל אָרט. מען מוז

שרייבען א גאנץ גרויסען בוך, און פיליכט איניגע ביכער וועגען דעם.

נאר איך וועל מאכען איניגע קורצע באמערקונגען אויף דעם מיינונג פון אויבען דערמאנטען שרייבער, וועלכער דריקט אויס און באשטעטיגט אז אן עם הארץ מיינט, אומוויסענד אין דער תורה. און דעם עם-הארץ, האט עס דער תלמיד חכם אזוי פיינט געהאט.

לייענענדיג און אורטיילען אזא מיינונג, שטעלט זיך אפ אין געדאנק זעהר א שלעכטע מיינונג, אויף דעם תלמיד חכם אליין, אויב דער תלמיד חכם האט זיך באצויגען מיט אזא פיינדשאפט צום אומוויסענדען מענשען, און בכלל איז דאס ניט קיין ריכטיגע השערה, אז די פרושים האבען פיינט געהאט א פראסטען מענשען, ווערדליג ווי רש"י און דער ברטנורא טייטשען אויס די משנה אין אבות, ולא עם הארץ חסיד, דאס הייסט, אז אן אומוויסענדער מענש קען ניט זיין קיין חסיד, אבער א ירא חטא איז ער יא.

שטעלט זיך דאך די פראגע, ווי אזוי וועלען די פרושים עובר זיין אויף דעם פסוק פון ואהבת לרעך כמוך, וואס דאס איז די גאנצע תורה (שבת ל"א), און אויך וואס איז מיט די גרויסע מדה פון שלום, וואס די חז"ל רעדען זעהר פיעל פון דעם. ווי זיי האבען אונז אנגעזאגט וועגען דעם: "והוי מקדים שלום לכל אדם ואפילו לנכרי שבשוק" (ברכות י"ז), און די גאנצע אידישע תורה איז שלום, ווי עס שטעהט דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום (גיטין נ"ט), און ביי פיינדשאפט קען קיין שלום ניט זיין. און וואו איז דא דער שכל און לאגיק צו פיינד האבען א אומוויסענדען מענשען, וואס איז ער שולדיג, ווען מען האט איהם ניט געלערענט. אמת די חז"ל האבען ארויס געזאגט שנאה צו מינים, ואפיקורסים און רשעים, וועלכע לייקענען אין ג—ט און אין די תורה, אבער ח"ו צו זאגען אז זיי האבען פיינט געהאט פראסטע מענשען זאגאר זיי זיינען געווען יראי-חטא,

און אזוי שטעהט געשריבען אין אבות דר' נתן פרק ט"ז ושנאת הבריות כיצד מלמד שלא יכוין אדם לומר אהב את החכמים ושנא את התלמידים, אהב את התלמידים ושנא את עם הארץ, אלא אהוב את

כולם, ושנא את המסיתים והמדיחים ואת המסורות, וכן דוד אמר משנאיך ד׳ אשנא וכו׳, הלא הוא אומר ואהבת לרעך כמוך אני ד׳ מה טעם כי אני בראתיו ואם עושה מעשה עמך אתה אוהבו ואם לאו אין אתה אוהבו. שטעהט דאָך געשריבען שווארץ אויף ווייס מיט קלאהרע ווערטער, אַז מען זאָל ליבען דעם עם הארץ אויך. און די אַלע דינים וואָס עס איז געזאגט אויף דעם עם הארץ אין סוף פרק אלו עוברין (פסחי סמ״ט), וואָס דער שרייבער ברענגט עס אין זיין אויבענדער־מאָנטעל ארטיקעל, זאָגט דער רא״ש דארטען בשם הר״י, — דעם הארץ דלעיל איירי במכירו וכופר כדי להכעיס, והוא רע לשמים, ורע לבריות, דהוי הריגתו פיקוח נפשות, כי הוא לסטים וחשוד על שפיכות דמים והריגתו בכל עת מצוה, והצלת נפשות כיון שהוא רגיל בכך אע״פ שאינו עושה כלום באותה שעה, ועם הארץ דהכא וכו׳ דכמה מיני עם הארץ יש. אלזאָ איז דאָך דער גאַנצער ענין פון עמי הארצים פאר־שיעדען און ניט אומעדום איז עםהארץ איינס און דאָס זעלבע. האָט דער שרייבער געדארפט און געמוזט אויפקלעהרען זיינע ווערטער, קלאָהרער און דייטליכער, און אויף אַזאַ ארט שרייבען זאָגען מיר: ״חכמים הזהרו בדבריכם״, און כל שכן אין אייער שרייבען, לאָזט ניט איבער קיין פלאטץ אז מען זאָל קענען אַ טעות האָבען אין אייער שריי־בען. און דורך דעם זאָל מען שלעכט אורטיילען וועמען עסאיז. גענוג וואָס אידען האָבען געליטען אין פארשידענע צייטען, פון שונאי ישראל, וועלכע האָבען ציטירט מאמרי חז״ל, וואָס אויבערפלעכליך מיינט דאָס שנאה צו אומות העולם. אבער אז מען טראכט אַרום ריכטיג דעם מאמר חז״ל, ווען און ווי אזוי ער איז געזאגט און געשריבען געוואָרען, ווייזט זיך אַרויס, אַז לא דובים ולא יער, לא מיניה ולא מקצתה.

און אזוי האָט פאסירט אין 1912, אין דעם באוואוסטען פראָצעס פון עלילת דם, אין קיעוו פון מענדיל ביילים, וואָס די אידישע עקספער־טען צווישען זיי, דער באַריהמטער מאָסקווער רבינער ר׳ יעקב בן ישעיה הכהן מזאה ז״ל, און יבדל לחיים, דער באַוואוסטער מלומד און לי־טעראַט בן ציון כ״ץ, און די אַנדערע געלעהרענטע, מיט די הילף פון באַ־וואוסטען גאון ר׳ מאיר שמחה הכהן ז״ל, אב״ד בעיר דווינסק, האָבען

צוקלאפּט אַלע טענות פון גלח פּאַרנייטים שמאַקאָוו, און די איבעריגע צוררי ישראל, וועלכע האָבען געבראכט ציטאַטען פון זהר און גמרא, וואָס באַווייזען אַז די חכמי התלמוד האָבען געהאַט שנאה צו די אומות העולם, און די אידישע עקספּערטען האָבען ערקלעהרט דייטליך און קלאָהר, ווי אַזוי און ווען די אָנגעוויזענע מאמרים זיינען אַרויסגעבראכט געוואָרען, האָט זיך גאָר אַרום געצייגט פּארקעהרט, צום גרויסען כבוד און רעספּעקט פאר דער אידישער תורה און חז"ל.

יב.

היטען שבת מאכט רייך דעם מענשען.

ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי יהיו לכם קודש
שבת שבתון לד׳.

זעהר פיל גוטע מעלות פארמאגט אונזער שבת-מלכתא. פיל גליק און רייכקייט ברייננט שבת דעם וואס היט עס אפ כדת וכדין. שבת קריגט דער מענש א נשמה יתירה. שבת ווארפט אראפ דער מענש פון זיך אלע גראבקייטען און פארדארבענהייטען, און ער ווערט ווי א מלאך אלק. שבת געהט אריין דער מענש אין א העכערער וועלט, אין די אי־בער־מענשליכע סודות, און ער וויקעלט זיך איין אין קדושה ומהרה, און די ליכטיגקייט פון ג—ט שוועבט אויף איהם. אין דעם הייליגען רוהע טאג פון שבת, מאכט דער מענש א חשבון הנפש, וואס ער האט פארזעהן אין די וואכעדיגע טעג. און ווי ער זאל עס מתקן זיין אין דער צוקונפט

ווי די מפרשים זיינען מבאר דעם מאמר אין גמרא (ברכות י״ד), אמר ר׳ יונה כל הלן ז׳ ימים בלא חלום נקרא רע. דאס מיינט, אז דער יעניגער וועלכער נעכטיגט איבער זיבען טעג און איהם חלום׳ט זיך נים ווערט ער אנגערופען רע. דער דאזיגער מאמר מוז האבען אן ער־קלעהרונג, און אזוי ווערט דער מאמר אויסגעטייטש. די ספרי מוסר רופען אן עולם הזה מיט דעם נאמען חלום. ווי דער אויסדריק פון פיטן וכחלום יעוף. די איבער - מענשען טראכטען שטענדיג אז די וועלט

איז נור אַ פאַרבייגעהענדע, און אין דער באַשטימטער צייט ווערט מען זיך מוזען שיידען מיט איהר. די דאָזיגע מענשען טהוען שטענדיג גוּטעס בין אדם למקום ולחברו. זיי געהען אין דער גלייכער ערליכער וועג. פאַרקרימען ניט און זינדיגען ניט ווי דער תנא עקבי' בן מהללאל זאָגט, הסתכל בג' דברים ואין אתה בא לידי עבירה.

עס זיינען אָבער דאָ מענשען, וועלכע גיבען זיך ניט אָפּ קיין חשבון הנפש. זיי זיינען שטענדיג צו טראַגען און פאַריאָגט אין זייערע ערדישע אינטערעסען, און האָבען נישט קיין צייט צו טראַכטען אין עטוואָס העכערעס, אין דער גייסטיגער וועלט, אין תורה און מצות. דער רעזולטאַט פון אַזאַ סאָרט לעבען איז זעהר אַ ביטערער און אַ טרויעריגער. פילע געהען אַראָפּ פון דער גלייכער ליניע און פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכעס, וואָס איז אַ סכנה פאַר דער נשמה.

דעריבער האָט אונז ג—ט געשאָנקען דעם שבת וואָס מען מוז אין איהם רוהען פון אַלע ארבייט. דער מענש מוז האָבען אין דעם טאָג פאָלשטענדיגע רוהע, מנוחת הגוף. ער טאָר ניט טאָן קיינע ארבייט, און ער טאָר נישט טראַכטען קיינע וואָכעדיגע מחשבות, און אין אַזאַ רוהע טאָג, ווערט דער מענש טראַכטען און מאַכען אַ שטיקעל חשבון הנפש, וועגען זיך זעלבסט, וועגען זיין ציעל אין לעבען און עהנליכעס.

דורך אַזעלכע מחשבות, ווערט דער מענש זיך אויפוועקען צו טהוען גוטעס צו ג—ט און מענשען.

און דאָס מיינט די גמרא אין דעם אויבענדערמנטען מאמר: כל הלן ז' ימים בלא חלום, אז אויך שבת דעם זיבעטען טאָג אין וואָך פאַרנוצט ער אויף פוסטקייט, און טראַכט נישט אַריין אין זיין ציעל, און ער מאַכט ניט קיין חשבון הנפש, אַז די וועלטאיז דאָך נור אַ חלום, אָט דער מענש ווערט אָנגערופען רע. ווארום אָהן אַ חשבון הנפש איז דער מענש עלול צו טאָהן שלעכטעס און זיין נאָכהער פון די יורדי גהינום.

און נאָך אַ גרויסע מעלה האָט דער טאָג שבת, און נעמליך, וואָס עס מאַכט רייך דעם מענשען וועלכער היט שבת כדת וכהלכה. ווי עס ווערט דערצעהלט אין (שבת קי"ט), אַז אין חוץ לארץ ווערען מענשען רייך,

ווייל זיי זיינען מכבד שבת, און די גמרא דערצעהלט א געשיכטע, אז רבי חייא האט זיך אמאהל געטראפען אין דער שטאדט לודקא און ער האט געהאלטען שבת ביי איינעם פון די בעלי בתים אין שטאדט. האט ער געזעהן אויסערגעוועהנליכע רייכקייט אין הויז, און נעמליך, אז זעכ־צעהן מענשען האבען אריין געטראגען א גאלדענעם טיש, און אויף איהם איז געווען סערווירט די בעסטע מאכלים און משקאות. און פון די בעס־טע און רייכסטע כלים, וואס עס קען נור געבען, איז געווען דער טיש געדעקט און באצירט. מ'האט פארבראכט דעם שבת אין געזאנג און פרייד און אלע גייסטיגע פארגעניגענס. מוצאי שבת האט ר' חייא גע־פרעגט דעם בעה"ב, ווי קומט צו איהם אזוי פיעל רייכקייט, האט ער געענטפערט, אז ער איז א טבח (א בוטשער), און די בעסטע פלייש האלט ער אויף שבת, ווארום ווען ער קויפט זונטאג א בהמה און מאנ־טאג קריגט ער צו קויפען א בעסערע, פארקויפט ער די זונטאגדיגע בהמה, און די וועלכע ער האט געקויפט מאנטאג לאזט ער אויף שבת. און ווען ער האט געקראגען דינסטאג צו קויפען א בעסערע בהמה, פארקויפט ער די מאנטאג'דיגע בהמה, און פון דינסטאג האלט ער אויף שבת. און אזוי פיהרט ער זיך אלע טעג ביז שבת. קומט אוים אז די גאנצע וואך איז ער אלץ פארנומען און פארטאהן לכבוד שבת. האט ר' חייא געזאגט: געלויבט איז ג—ט וואס האט דיר מזכה געווען מיט אזוי פיעל רייכקייט פאר כבוד שבת. און ווען ער האט אלעם געטאהן לכבוד שבת, איז דאך געווים אז ער האט שבת געהיט כדת וכדין, און דאס זאגט דער מדרש אויף דעם פסוק, ברכת ד' היא תעשיר ולא יוסף עצב עמה. דער מדרש ערקלעהרט, אז דער פסוק געהט אויף דעם יעניגען וועלכער איז מכבד שבת, אז די ברכה פון ג—ט וועט איהם רייך מאכען, און ער וועט ניט האבען קיינע אומאנגענעמליכקייטען מיט איהר, דאס מיינט, אז די רייכקייט זיינע, וועט זיין געזיכערט פון אלעם בייז און שלעכטעס, און עס וועט קיין אומגליק פאסירען. ווייל דאס האט ער די ברכה פון ג—ט, פאר זיין כבוד שבת.

אט דער געדאנק ווערט אנגעדייטעט אין דעם פסוק וואס איז אוי־בען געבראכט געווארען: "ששת ימים תעשה מלאכה", תעשה מיינט

עס וועט פון זיך אליין געטאן ווערען. דער מענש וועט האבען א מזל־ברכה אין זיינע ארבייט, אז גלייך ווי די ארבייט וואלט געטאהן געוואָרען פון זיך זעלבסט. ער וועט זיך ניט דארפען אנשטרענגען, און פאר־לויפען, זיך יאגען וועגען זיינעארבייט, אז עס זאל אלעס אויסגעפיהרט ווערען פינקטליך און ריכטיג. ווייל עס וועט אריין געשיקט ווערען א ברכה אין זיינע ארבייט אזוי ווי די גמרא ברענגט, אז אין דער צייט וואס שמעון הצדיק איז געווען א כהן גדול אין בית המקדש, איז אריין גע־שיקט געוואָרען די ברכה אין "לחם הפנים", און דער כהן וועלכער האט געקראגען פון לחם הפנים אזוי גרויס ווי אן ארבעס, אדער ווי א בע־בעל, האט פאסירט אז אנדערע האבען געגעסען און זיינען געווארען זאט און אנדערע האבען נאך איבער געלאזען אויך.

און אזוי ברענגט אויך רש"י אויף דעם פסוק "ואכלתם את לחמכם לשובע" — אוכל מעט ומתברך במעיו. אז דורך די ברכה פון ג—ט עסט מען נאר אביסעלע, אבער מען ווערט זאט פון דעם. און דער אויבענ־דערמאנטער פסוק באטאנט ווייטער, אז ווען וועט זיין די ברכה פון ג—ט אין דעם מענשענס ארבייט, נור דאן ווען דער מענש וועט מקיים זיין וביום השביעי תשבת לד' אלקיך, דאס מיינט, אז דער מענש וועט היטען שבת כדת דעם זיבעטען טאג וועט ער זיך אפ געבען לד' אלקיך.

פון דעם פארשטעהען מיר די גרויסקייט און די הייליגקייט פון שבת. דער וועהטאג איז אבער זעהר גרויס און דער וואונד איז זעהר טיעף, צו זעהן ווי דא אין אמעריקא, איז דער חילול שבת גרויס ר"ל. שבת איז שוין גאר אראפ פון טאגעס ארדנונג, מען דערמאנט שוין גאר נישט אפילו אין די שוהלען וועגען חילול, שבת. עס איז געוואָרען הפקר שרעקליך! צו וואס מיר זענען געקומען.

לאמיר האפען אז די צייט וועט זיך בייטען און אויך דא אין לאנד וועט ווערען דער שבת אפגעהיט, לשמחת לב כל יראי אלק'.

יג.

דער ערפאָלג פון חינוך דורך טעאָרי און פּראַקטיק.

וידע קין את אשתו ותהר ותלד את חנוך ויהי בנה עיר
ויקרא העיר כשם בנו חנוך.

אויף יעדער מענש ליגט אַ הייליגער פליכט צו ערציהען זיינע קינ-דער, אַז זיי זאָלען געהן אין דער גוטער וועג. אין דער וועג פון תורה און מצות. און אזוי האָט געזאָגט שלמה המלך, חנוך לנער על פי דרכו, גם כי יזקין לא יסור ממנה. דאָס מיינט, מען זאָל ערציהען דעם קינד נאָך זיינע כשרונות, אַז אפילו ווען ער וועט אַלט ווערען וועט ער זיך ניט אָפּקעהרען פון זיין ערציהונגס-לעהרע.

מיר דארפען פארשטעהען אז חינוך פאר'ן קינד איז פארשיעדען. די ערציהונג מוז אָנגעהן סיי אין לערנען פון קינד, אין אונטעריכט, און סיי, אין דער אויפפיהרונג, וואָס דאָס קינד זאָל דערזעהן מיט זיינע אויגען. ווי מען לערנט איהם אזוי פיהרט מען זיך אויף אין לעבען. דאָס מיינט, הן אין דער טעאָרי און אויך אין דער פּראַקיק.

מען מוז מיט דעם יונגען קינד לערנען אַזעלכע ספרים, וועל-כע זאָלען אין איהם איינוואַרצלען די שעהנסטע מדות. ליבעצו ג—ט און צו מענשען. און דאָס לערנען פון די יונגע יאָהרען, בלייבט ביים קינד אויף אייביג, איינגעקריצט אין זיין מח, כמונח בקופסיה דמי. ער פאר-געסט עס קיין מאָהל ניט, און פילעפּסוקים אין דער תורה און פילע מאמרי חז"ל אין גמרא, באַווייזען אויף דעם פליכט פון די עלטערען,

צו לערנען מיט זייערע קינדער תורה, און צו פיהרען זיי אין דער גליי-
כער עהרליכער ליניע.

דאָס איז אָבער נאָך נישט אַלעס. די עלטערען אליין דארפען זיך
אָנשטרענגען אַז זיי אַליין זאָלען זיך אויך אויפפיהרען עפ״י התורה
והמצוה. זייערע קינדער זאָלען זעהען און זיך איבערצייגען אַז דאָס
וואָס מען לערענט מיט זיי אין חדר, איז אמת, ווארום זייערע עלטערן
שוין ערוואַקסענע מענשען, פיהרען זיך און טהוען אויך אַזוי. און ווען
עס פעהלט איינע פון די צוויי פונקטען, מען לעהרענט ניט מיט די קינ-
דער די נויטיגע גוטע ספרים, אָדער די עלטערען פיהרען זיך ניט עפ״י
התורה, איז אַזאַ ערציהונג געשלאָגען און וועט ניט ברענגען די גע-
ווינשטע גוטע רעזולטאַטען ווי עס דאַרף זיין, און מכל שכן ווען עס
פעהלען ביידע פונקטען צוזאַמען, איז דאָך געוויס ניט צו האָפען אַז עס
זאָלען ארויסקומען און אויסוואַקסען גוטע און עהרליכע דורות, צו ג—ט
און מענשען.

צום באַדויערען דאַ אין אַמעריקא, וואָס דער גאַנצער באַזיס פון
תורה און אידישקייט איז זעהר שוואך. פילע פון די עלטערען זיינען
אַליין עובר — צי ברצון צי באונס — אויף די תורה און מצות. די קינ-
דער זעהען ווי די עלטערען טהוען עס, טאַ ווי קען מען האָפען אַז עס
זאָל אויסוואַקסען זרע ברוכי ד׳ עהרליכע און פרומע קינדער, און ווען
אפילו די עלטערען זיינען געצוואונגען עובר זיין אויף תורה ומצות,
אָבער די יונגע קינדערלאך קענען זיך אין דעם נישט פונאַנדערקלייבען,
און אַזוי ווערען זיי אויך פאַרדאָרבען און דער רעזולטאַט איז, שרעקליך
און טרויעריג.

פון דעם שטאַנדפונקט קען מען פארשטעהן דעם אויבענדערמאָנטען
פסוק, וואָס די תורה דערצעהלט, אַז קין האָט אַ נאָמען געגעבען די
שטאָט וועלכע ער האָט געבויעט, מיט דעם נאָמען ״חנוך״. חנוך
מיינט ערציהען. קין האָט געטאָהן אַ גרויסען פארברעכען. ער האָט גע'-
הרג'עט זיין אייגענעם ברודער הבל, און עס איז אויף איהם נגזר גע-

וואָרען צו זיין נע ונד, און ער האָט געוואָלט ערציהען זיינע קינדער, אַז זיי זאָלען זיך פיהרען גוט בדרך הישר והטובה, דעריבער האָט ער אַ נאָמען געגעבען דעם זוהן חנוך, דאָס מיינט, ער מוז האָבען אַן ערציהונג, מען זאָל אַכטונג געבען אויף דעם קינד וואָס ער טהוט. און דאָס איז נאָך נישט גענוג, נאָר ער האָט אויך אַ נאָמען געגעבען די שטאָדט אויך מיט דעם נאָמען "חנוך", אַז די טעהטיגקייטען פון די מענשען פון שטאָדט, זאָלען האַרמאָנירען מיט דעם נאָמען "חנוך", בכדי אַז זיין זוהן זאָל זיך צוקוקען צו זייערע גוטע מעשים, און די פּראַקטיק זאָל שטימען מיט דער טעאָרי.

יד.

די לעהרע פון חנוכה.

ת"ר נר חנוכה שהניחה למעלה מעשרים אמה פסולה.

אין דער מענשליכער געשיכטע, איז פארגעקומען פארשיעדענע מלחמות. עס טרעפטפיל מאָהל, ווען אַ טייל פון דער באַפעלקערונג, רעכטע אָדער לינקע, זיינען נישט צופרידען מיט די פיהרער און פיה־רערשאפט פון דער לאַנד, און זייערע פרידליכע תביעות, צו דער רע־גירונג איז געבליבען כקול קורא במדבר. דאן נעמען זיי וואפען אין די הענד און געהן ארוים אין אַ אָפענעם שטרייט, אראָפּ ווארפען בחוזק־יד די אלטע פיהרער און ארויף זעצען אויף זייער אָרט נייע מנהיגים, נאָך זייער רוח און גייסט. אין אַזאַ פאַל ווערט נישט צו פיעל רואינירט די לאַנד. ווייל די רעגירונג האָט גענוג מאַכט און קראַפט, איינצושטי־לען די אונרוהיגקייט און אַוועקשטעלען צוריק די ארדנונג, און דער לע־בען געהט ווידער אָן נאָרמאַל זיין וועג, והכל על מקומו יבוא בשלום.

דאגעגען האָט פיעל מאָהל געטראפען, אַז אינערליך אין לאַנד איז דער בעסטער אָרדנונג, די גאַנצע באַפעלקערונג לעבט זיך בשלום איי־נער מיט'ן צווייטען. אָבער מצד חוץ, איז געקומען אַ שטורם, אַ נאָ־הענטע אָדער אַ ווייטע רעגירונג רופט איהר אָרוים איבער פארשיע־דענע אורזאכען, צו מלחמה, אז דער שווערד זאָל מכריע זיין צווישען זיי. אין אַזאַ פאַל איז אויך נישטאַ קיין סכנה פון אונטערגאַנג. ווייל דאַן ווערט ערוועקט דער נאַציאָנאַלער געפיהל, און אַלע ווי איין מענש,

העלפען מנצח זיין דעם געגנער, און די אָרדנונג ווערט ווייטער אויפ־געשטעלט, און דער לעבען ווערט ווייטער נאָרמאל.

אַ סכנה פון אונטערגאנג און צו רואינירונג, איז נאָר דאן, ווען אַ לאנד לעבט דורך אַ קריזיס, אויףביידע פראנטען, דאָס הייסט אינערליך און אויסערליך. אין דער צייט ווען זיי פיהרען מלחמה, מיט'ן אויסער־ליכען שונא, אין דער זעלבער צייט מוז זי פיהרען אַ אינערליכען קאמף מיט די אינערליכע שונאים פון לאנד, די מלחמה איז מפנים ומאחור, און אין אַזעלכע שווערע צייטען, ווערט טאקע אַ לאנד רואינירט אין גאנצען, און זי ווערט אָפּגעמעקט פון לאנד־קארטע, די וועלט היסטאָריע איז פול מיט אַזעלכע געשעהעניש̈ען.

אָט אַזא שרעקליכען שווערען קריזים, האָבען די אידען איבערגע־לעבט אין דער צייט ווען אַנטיוכוס הרשע איז אָנגעפאלען אויף זיי, און מתתיהו מיט זיינע קינדער האָבען געמוזט פיהרען מלחמה מיט אַנטיו־כוס'ן און מיט די אידישע מתיונים, די פאַרעטער בפנים, וואָס האָבען געוויזען אַ פנים שוחקות צום שונא אין דרויסען, און די מלחמה איז געווען מפנים ומאחור.

און דאָך האָט מתתיהו ובניו מנצח געווען ביידע לאַגערען, אינער־ליך און אויסערליך געגען די נאַטור געזעץ, און וואָס טויזענדער יאָהרען פייערען מיר חנוכה צום אָנדענקונג פון יענער גליקליכער צייט. אלזאָ דאַרפען מיר פאַרשטעהן אין וואָס איז בעשטאַנען זייער כח און קראַפט, צו ערדייכען אַזא גרויסען נצחון.

דער גרויסער נצחון זייערער איז געווען, ווייל זיי זיינען געשטאַנען פעסט ביי דער תורה וואָס אַנטיוכוס האָט געוואָלט איהר פאַרניכטען, אויסלעשען דאָס הייליגע געטליכע פייער, אויסראַטען פון אידען יעדען פונק תורה און מצות, "להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך", און דורך דעם פאַרניכטען נאָכהער דעם גאַנצען אידישען פאָלק.

די תורה אונזערע וואָס איהר דגל איז ליכט און אמת, האָט געגע־בען אַ מורא'דיגען אומנאַטירליכען קראַפט צו מתתיהו'ן מיט זיינע קינ־דער, אַז מיט זעהר אַ קליינער צאָהל העלדען, זאָלען זיי מנצח זיין די

גרויסע מחנות פון שונא, און אויך די אינערליכע געגנער, און זייער נצחון איז געווען אויך לויט א נאטור-געזעץ. ווייל "מעט אור", איז דוחה "הרבה חושך", אביסעל ליכט פארטרייבט די גרעסטע פינסטערניש. דער אמת איז אלע מאהל מנצח דעם שקר. ווי גרויס און שטארק דער שקר זאל נים זיין, "קושטא קאי שקרא לא קאי".

זעהר ריכטיג זאגען אונז די חכמי המדרש, "וחשך זו מלכות יון שהחשיכה עיניהם של ישראל, שאמרו להם כתבו לכם עלקרן השור שאין לכם חלק באלק' ישראל" (מדרש רבה בראשית) ליכט און אמת וואס דאס איז די אידישע תורה, וואס איז געגעבען געווארען פון ג—ט, געהט האנט אין האנט. מיט ליבשאפט, רחמנות, יושר און צדק, ווייל אלע מדות טובות קומען נאר פון ליכטיגקייט און אמת, און אלע שלעכטע מדות, שטאמען פון פינסטערניש און פאלשקייט און נידערטרעכטיגע איינגעווארצעלטקייט.

די יונים האבען געוואלט דערדריקען די אידען אז זיי זאלען לייקענען אין זייער ג—ט, וואס ער איז אמת און ליכט, און אננעמען אזא גאטהייט וואס איז געבויעט אויף קערפערליכע נידערטרעכטיגקייט, אויף די שטארקייט פון גוף, פון חומר, אזוי ווי דער אקס, וואס מיט זיינע הערנער שטויסט ער וועמען ער טרעפט אין וועג. ווייל דורך זיינע הערנער איז ער שטארקער פון אלעמען.

אבער ווען חלילה די אידען וואלטען געמאכט אזא בייט, און אנגענומען דעם גריכישען קולט, וואלט עס פינסטער געמאכט די אידישע אויגען.

דעם דאזיגען אידעאל פון חנוכה, דארפען מיר געדענקען און לערנען אין יעדער צייט, יעדער דור. יעדער תקופה. דער אידישער כח איז נור דורך דער תורה, כי היא חיינו ואורך ימינו. און דער וואס זאגט אז חנוכה איז מעהר נישט ווי א היסטארישע לעגענדע, א געשיכטע פון דער פארגאנגענהייט, און עס האט נישט צו טאהן, מיט אונזער געגענווארטיגען לעבען, אזא געדאנק איז פסול, "נר חנוכה שהניחה למעלה מעשרים אמה, דאס מיינט, צו זאגען, אז דער ענין חנוכה, איז

ביי איהם אויפגעהויבען, נאָר אויף אזוי פיעל ווי אַ היסטאָרישער פאקט פון דער פארגאנגענהייט, און מיט דעם טאָג טעגליכען אידישען לעבען, האָט עס נישט קיין שייכות, און מיר קענען פון דערין איצט גאָר נישט לערנען, — איז פסולה. חנוכה דארף זיין אַ לעהרער ביי אונזער יעצטי־גען לעבען, און אויף אימער, דאַן זיינען מיר אַן עם עולם.

טו.

"פון וואנען שטאמט דער מנהג פון תשליך"

אונטער אזא קעפעל איז ערשינען דעם 22טען סעפטעמבער, 1930, אין "פארווערטס" אן אבהאנדלונג וועגען "תשליך", פון דר. ז. קאדיש. דער שרייבער ברענגט פארשידענע מיינונגען וועגען תשליך ,ווי ער פארשטעהט.

איך האב אין יענער צייט געמאכט באמערקונגען וועגען דעם דאזיגען ארטיקעל, אבער דערוויל איז אוועק די צייט פון שרייבען אזעלכע באמערקונגען, וואס האבען מעהר שייכות צו ראש השנה. איך רעכען אבער, אז זאגאר מיט יאהרען שפעטער, איז נאך אויך די צייט צו שרייבען אן אויפקלעהרונגס-ארטיקעל אום אויפמערקזאם מאכען די פילע לעזער און אויך דעם געעהרטען שרייבער אליין, אז די השערות זיינע, וועגען תשליך, זיינען ניט ריכטיג. בכלל וויל איך באמערקען דעם חשוב'ען שרייבער, דר. קאדיש, וועלכער האט געשריבען אפטער וועגען פארשידענע מנהגים ביי אידען, אז מען מוז אליין זיין טיעף דורכגעדרינגען וועגען די מנהגי הדת, אום מ'זאל קענען עם קלאהר באלייכטען. ווי דער שפריכווארט זאגט, ווילסטו קענען דעם פאעט, מוזטו אין זיין לאנד זיין, וואו ער איז געבוירען.

דער געעהרטער שרייבער, ברענגט נור צוויי טעמים פון ספרים, וועגען דעם מנהג געהן צו תשליך, פון ווילנער גאון, בשם המדרש צו דערמאנען די עקדה, און פון מהרי"ל, ווי עס לייענט זיך דארט פאלגענד:

"דער מהרי"ל איז געווען דער גרעסטער פון די רבנים אין דייטשלאַנדביים סוף פון פערצעהנטען יאָהר-הונדערט. אין זיין באַריהמטען מנהג-בוך, רעדט ער וועגען דעם מנהג פון "תשליך", און ער זאָגט שטרענג אָן, אַז מ'זאָל ניט וואַרפען קיין ברעקלאַך ברויט צו די פיש אין טייך, ווען מ'געהט ראש השנה צום טייך. אפילו ווען מען טרעפט ביים וואַסער אַ גוי, זאָגט ער אָן זאָל מען אויך ניט נעמען פון איהם קיין שטיקלאַך ברויט פאַר די פיש.

מיר לערנען, אַלזאָ אַרויס, צוויי זאַכען פון דעם. ערשטענס, אַז אין דער צייט פון דעם מהרי"ל, אין פערצעהנטען יאָהר-הונדערט, איז שוין ביי די אשכנז'ישע אידען געווען דער מנהג פון געהן צו "תשליך". צווייטענס, זעהען מיר דערפון אַז דער הויפט שטריך פון דעם מנהג פון געהן צו "תשליך", איז באַשטאַנען אין וואַרפען שטיקלאַך ברויט אין טייך. אַז מאַנכע אידען שאָקלען נאָך איצט אויך אויס די קעשענעס צו "תשליך", האָב איך אַליין געזעהן אַמאָהל אין מיין שטעדטעל אין ליטאָ. געוועהנליך אָבער טהוט מען עס ניט. עס ווייזט אבער אויס, אַז לכתחילה האָבען עס אַלעגעטאָהן. אַז לכתחילה איז שאָקלען ברעקלאַך פון די קעשענעס געווען דער עיקר פון דעם גאַנצען מנהג.

מיר זעהען דאָ אַלזאָ, אַז אין דעם מנהג פון "תשליך" ליגט די אַלטע פרימיטיווע פאָרשטעלונג פון געבען דעם טייפעל עפּעס אַ מתנה, כדי ער זאָל ניט שעדיגען. וואָרום, אין טייכען, קוואַלען און ברונימער, זיצען בייזע רוחות ניט-גוטע, האָט מען פאַרצייטען געגלויבט, און איינער פון די בעסטע מיטלען, זיך אָפּצוטשעפּען פון די ניט גוטע, איז געווען, זיי עפּעס צו געבען". דאָס איז די ווערטער פון שרייבער אות באות.

אָבער אין אמת'ן איז פאַראַן נאָך טעמים אויף דעם מנהג פון "תשליך" און אַז מיר וועלען זיי דורכשטודירען, ווערט פאַרשוואונדען די אויבענדערמאַנטע השערה פון שרייבער.

א) דער באַוואוסטער שריפטשטעלער קלמן שולמאן אין המליץ שנה ה' גליון 14, ברייגגט אַז יוסיפוס דערמאַנט שוין דעם מנהג און עס איז אַנגעוואונקען אין נחמי', ויאספו כל העם כאיש אחד אל הרחוב אשר

לפני שער המים וזה הי' בראש השנה (אוצר ישראל חלק עשירי צד 317 מהדורה שני' תרפ"ד).

ב) דער גאון בית מאיר, על אורח חיים שרייבט, אז דער עיקר מנהג איז פון "תשליך" פון דעם פסוק אין שמואל א' קפיטל ז' וישאבו מים וישפכו לפני ד' ופירש רש"י סימן הכנעה הרי אנו לפניך כמים הנשפכים (ספר שדי חמד מערכת ראש השנה סימן ב' סעיף קטן ב' בסופו).

ג) דער ווילנער גאון אין ביאור הגר"א או"ח סימן תקפ"ג, זאָגט דעם טעם כדי לזכור את העקדה. ווי דער שרייבער אליין ברייגנט דעם מיי־נונג פון גאון.

ד) דער לבוש (ר' מרדכי יפה), זאָגט אויך דעם טעם פון גאון. נאָר ער איז מוסיף, ורגילים לילך במקום שרואים שם דגים לזכור שאנו משולים כדגים חיים שנאחזים במצודה ומתוך כך נשוב בתשובה שלמה.

ה) דער רמ"א אין ספר תורת העולה זאגט אויך דעם זעלבען טעם, און ער ברייגנט אַ רמז פון זהר.

ו) דער של"ה הקדוש ברייגנט אויך דעם מנהג, און ער זאָגט, אַז מען זאָל געהן צו אַ טייך וואָס איז פאראן פיש איבער דעם פריהערדי־גען טעם. און אויך לסימן שלא ישלטו בנו עין הרע, כמו בדגים ונפרה ונרבה כדגים.

ז(נאָך אַ טעם איז פאַראַן, כי לדגים אין גבינים ועיניהם פקוחות תמיד כדי להתעורר עינא פקיחא דלמעלה.

ח) נאָך אַ טעם, מפני שאנו ממליכים היום את הקב"ה, והדרך הוא למשוך את המלכים אצל הנהר לרמז שתמשוך מלכותו. (עיין בקיצור שלחן ערוך).

ט) אין ספר מטעמים החדש, אין קפיטל "יום טוב וימים נוראים", ברייגנט ער נאָך צוויי טעמים וועגען "תשליך".

י) אין זעלבען ספר מטעמים אין קפיטל "ר"ה ויוה"כ", ברייגנט

ער נאָך אַ טעם אויף "תשליך", טעם למה הולכין לתשליך אל הנהר ששם דגים, כי ר"ת דגים י"ג מכילין דרחמי, וע"כ אנו אומרים שם אצל הנהר הי"ג מדות.

יא(דער ספר נגיד ומצוה, און יוסף אומץ, און דער ספר מנהגים ברענגען אויך דעם מנהג פון תשליך און יעדערער גיט אויף דעם.

אלזאָ, זעהט מען דאָך קלאָהר פון די טעמים, אז מען זאָל נאָר געהן צו אַ טייך וואו עסאיז פאַראַן פיש, און פילע מאָהל קען דאָך טרעפען, אַז די פיש זיינען נישטאָ ביים ברעג, וועט מען זיי צוואווארפען שטיקלאך ברויט אָדער אַנדערע קערנער, אום זיי זאָלען קומען צו שווימען, און כאַפּען די ברעקליך ברויט. אויסהיטען פינקטליך דעם מנהג פון תשליך, אין אַ טייך וואָס איז פאַראַן פיש. דעריבער שרייבט דער מהרי"ל, אַז מען זאָל די פיש קיין זאַך ניט וואַרפען, ווארום עסקען קומען צו אַ איסור פון כאַפּען פיש אין יום טוב ראש השנה, און אזוי איז דער דין אין שולחן ערוך, הלכות יום טוב, סימן תצ"ז, סעיף ב'. אויך נאָך'ן סדר ווי דער שולחן ערוך איז מסדר, און ער אָט אַריינגעשטעלט דעם מנהג פון תשליך אין סימן תקפ"ג, וואו אין דעם סימן ווערט דערמאָנט נאָך זאַ־כען, וואָס מען טהוט דאָס פון סימן וועגען. ווי עסען אַ קאָפּ פון פיש, לסימן שנהי' לראש ולא לזנב. אויך עסען מעהרען, לסימן שירבו זכיותינו, איז געהען צו תשליך, אויך מעהר ניט ווי אַ סימן ותשליך במצולות ים כל חטאתנו.

אלזאָ, ווי איך דערקלעהר דאָ, פאַלט אָפּ די השערה פון געעהרטען שרייבער, אַז וואַרפען ברעקלאך ברויט צו די פיש איז, מקריב זיין וואָס, פאַר דעם שטן, וואָס דאָס וואָלט געווען געגען אידישען גייסט בכלל, וועלכעגלויבען אין ג—ט ב"ה אין השגחה פרטית.

און זעלבסט פאַרשטענדליך, איז זעהר לעכערליך וואָס דער שריי־בער וויל צוזאַמענברענגען דעם מנהג פון תשליך, מיט דעם שעיר לעזאזל, ווי ער שרייבט אין זיין אַרטיקעל. אמת, דער רמב"ן אויף חומש וויל טאַקע זאָגען אָט דעם טעם. אָבער די גמרא אין יומא ס"ז און דער

רמב"ם אין סוף הלכות מעילה, שרייבען, אז שעיר עזאזל איז אַ חוק אָהן אַ טעם, ווי פּרה אדומה און נאָך אַנדערע מצות.

אויך וויל איך באַמערקען דעם שרייבער, וואָס ער וויל צוזאַמענ־ברענגען דעם מנהג פון עסען אויפאַ שלום זכר באב, ארבעס, לינזען, מיט דעםמנהג פון תשליך, מקריב זיין וואָס פאַר דעם שטן, כדי ער זאָל קיין שלעכטעס נישט טאָהן דעם קינד.

דער ריכטיגער טעם, ווי איך האָב געזעהן אין אַ ספר איז, אַזוי ווי ביי דניאל'ן און זיינע חברים וועלכע האָבען זיך ניט געוואָלט מטמא זיין מיט מאכלות אסורות, נאָר זיי האָבען געגעסען זרעונים, און דאָך האָבען זיי אויסגעזעהן שעהנער פון אַלעמען, דאָס זעלבע איז אַ סימן פאַר דעם ניי געבוירענעם קינד, אַז ער זאָל פיהרען אַ כשר לעבען, און אַ כשר'ע פרנסה, און דאָס וועט איהם אָפּגליקען אַזוי ווי ביי דניאל'ן. מיר דוכט אַז דער טעם איז מעהר פארשטענדליך ווי וואָס אַנדערש.

טז.

דער מענש מוז זיין זעלבסטשטענדיג אין זיינע מיינונגען

ויגידו לו לאמר עוד יוסף חי וכי הוא מושל בכל ארץ מצרים ויפג לבו כי לא האמין להם

עס איז אונז אָנגעזאגט געוואָרען אין דער תורה ובחוקותיהם לא תלכו, ולא תלכו בחוקות הגוי, דאָס מיינט צו זאָגען, מיר זאָלען ניט נאָכטאָן די געמיינהייטען פון די פעלקער וועלכע מיר וואוינען צווישען זיי. (די גוטע מעשים דאַרפען מיר יאָ נאָכטאָן אָבער נישט די פאַרדאַרבענע).

מיר אידען וואָס האָבען מקבל געווען די תורה מפי הגבורה, דאַרפען זיין אָריגינעל, ניט נאָכטאַנצען קיינעם. אדרבה די פעלקער דאַרפען זיך לערנען פון אונז. מדות, מוסר און דרך ארץ, און אַזוי ווי ביי דעם גאַנצען פאָלק, אַזוי אויך ביי יעדער יחיד בפרט, ער מוז זיין פעלזען שטאַרק פעסט אין זיינע מיינונגען און האַנדלונגען.

דער מענש טאָר נישט נאָכלאָזען זיינע גייסטיגע באַשטעטיגונגען און אמת'ן, און ווען אפילו ער געפינט זיך אין אַן'אנדער אומגעבונג אין אַ פרעמדער סביבה, וואו מען קען איהם נישט, דאָך זאָל ער נישט בויגען זיין קאָפּ און נאָכטאָהן זייערע מעשים, אויב זיי זיינען נישט ריכטיג. און ווען אפילו די פרעמדע סביבה, וועט אָפּלאכען פון איהם ווי ער פיהרט זיך אויף אַנדערש פון זיי, טאָר ער זיך ניט פאַרלירען. און דאָס איז אַ גרויסער כלל אין די מעלות הצדיקים, אַז דער מענש זאָל זיך ניט שעהמען און בויגען זיין קאָפּ פאַר די וואָס לאַכען פון איהם (או"ח סימן א').

אָבער צום גרויסען באַדויערען זעהען מיר גאָר אַנדערש. אידען וועלכע אין דער אַלטער היים זיינען זיי געווען פאָלשטענדיגע אידען, מיט אַלע פּרטים ודקדוקים, אָבער ווי נור זיי האָבען באַטראַטען דעם אַמעריקאַנער באָדען, זיינען זיי געוואָרען אַנדערש. זיי האָבען פאַרבוי־גען אין פילע הינזיכטען וואָס עס איז געווען הייליג און טייער ביי זיי אויף יענער זייט ים, און אַלעס פאַר וואָס, ווייל זיי זיינען בעאיינפלוסט געוואָרען פון דעם אַמעריקאַנער לעבען, וואָס פילע זאַכען אויף דעם אי־דישען געביעט איז דאָ הפקר און אָפּגעווישט געוואָרען. אַזעלכע מענשען מיט שוואכע כאַראַקטערען זיינען נישט קיין משפּיעים און מושלים, נור מושפּעים. ווייל די לאַנד און די אומגעבונג פון די מענשען, האָבען אַ ווירקונג אויף זיי.

אָבער גאָר אַנדערש זעהען מיר ביי יוסף הצדיק. ער ווייזט זיך אַרויס אין דעם ריכטיגען בילד, אין דער גרויסער זונענשיין פון ליכ־טיגקייט, ווי עס פּאַסט פאַר איהם, פאַר אַ זוהן פון יעקב אבינו ע״ה און אַן אייניקעל פון זיינע גרויסע אבות אבותיו, אברהם ויצחק. הוא יוסף הצדיק מתחילתו ועד סופו. ער איז ניט בעאיינפלוסט געוואָרען פון די מצריים, צווישען וועלכע ער האָט זיך געפינען. ער האָט זיך פון זיי גאָר ניט געלערענט. ער האָט זיך געפיהרט אין אַלע הינזיכטען פון זיין לעבען ריכטיג ווי ער האָט געלערענט ביי זיין פאָטער יעקב׳ן אין הויז. ער האָט זיך מוסר נפש געווען און דורכגעטראַגען דעם גרויסען נסיון פון זיין ווירטהין פּוטיפער׳ן, און האָט ניט פאַרפלעקט זיין קער־פּער און נשמה. ער האָט געוויזען אין אַלע איינצעלהייטען פון זיין לע־בען, אַז ער איז אַ מושל און אַ משפּיע אין דער לאַנד מצרים. ניט ער לערענט פון זיי, נור פאַרקעהרט, זיי לערנען פון איהם. ער איז דער מושל אין מצרים. ער איז דער מושל אין צווייען, הן בחומר אין מאַ־טעריעלען זינן, והן ברוח, אין גייסטיגען זינן. ער איז דער שני למלך, און די גאַנצע לאַנד ווערט געפיהרט דורך איהם, ועל פיך ישק כל עמי.

יז.

אָרימקייט איז דער רעזולטאַט פון ליגען און פאַלשקייט

שנים שנים באו אל נח אל התבה זכר ונקבה כאשר צוה
אלק׳ את נח

דער ילקוט שמעוני אין תהלים קפיטל ז׳ ברענגט אויף דעם פסוק, הרה עמל וילד שקר, אַז דער שקר האָט אויך געוואָלט אַריין גענן צו נח׳ן אין תבה, האָט נח איהם געזאָגט, אַז ער קען אַנדערש ניט אַריין, סיידען, ער מוז האָבען אַ בן זוג. איז געגאַנגען דער שקר זוכען צו זיך אַ בן זוג, האָט ער געטראָפען דעם דלות, פרעגט דער שקר דעם דלות, פון וואַנען ער קומט איצט. האָט ער געענטפערט, פון נח׳ס תבה. ער האָט אויך געוואָלט אַריין גענן אין תבה, האָט איהם נח ניט געלאָזען, סיידען ער זאָל האָבען אַ בן זוג. פרעגט דער שקר דעם דלות, צו וויל ער ווערען זיין בן זוג, ענטפערט דער דלות: יאָ, נור ער וויל וויסען, וואָס וועט איהם דער שקר געבען פאַר דעם. האָט געענטפערט דער שקר, אַז ער מאַכט מיט איהם שותפות, אַז אַלעס וואָס ער וועט פאַרדינען דורך שקר, זאָל עס דער דלות צונעהמען. און אַזוי זיינען אַריין געגאַנגען דער שקר און דלות אין נח׳ס תבה. ווען זיי זיינען אַרוים פון תבה, האָט דער שקר פאַרדינט און זיך ערוואָרבען זעהר פיל רייכטום. אָבער דער דלות האָט בּיסלאַכווייז אַלעס צוגענומען פון שקר. אויף דער בייזער פראַגע פון שקר צום דלות, וואו איז אַהין געקומען דער גאַנצער פאַרמעגען וואָס ער האָט אָנגעקליבען: ענטפערט דער דלות, ווי אַ זיגער, האָסטו אַזוי גיך גאָר פאַרגעסען אונזער פאַרטנערשיפּ וואָס מיר האָבען צווישען זיך געשלאָסען בעפאַר מיר זיינען אַריין אין דער תבה פון נח׳ן, אַז איך זאָל אַלעס צו נעמען וואָס דו וועסט פאַרדינען דורך שקר, פיהרט אוים דער ילקוט, אַט דאָס איז דער מיינונג פון דעם פסוק אין תהלים, הרה עמל וילד שקר.

פיעל ריכטיגקייט איז פאַראַן אין דער אַליגאָרישער סאַטירישער ערצעהלונג. און וואָס פאַר אַ מוסר השכל מיר לערנען פון דעם. ווארום, ביי אונז איז באַשטימט אַז דער אמת האָט אַ בעשטאַנד און דער שקר

האָט עס ניט. דער אמת האָט פיס אָבער דער שקר האָט עס ניט. און אויב דער מענש וויל זיך איבערצייגען אין יעדער זאַך אין דער וועלט, צו איז עס אמת אָדער ניט. צו איז עס ריכטיג אָדער ניט, צו האָט עס אַ געזונטען פונדאַמענט אונטער זיך אָדער עס איז געבויט אויף שפּינ־וועבאַכץ, קען מען דאָס אַלעס ניט וויסען פון אָנפאַנג, ווען די זאַך הויבט זיך ערשט אָן צו ענטוויקלען, און אַוועקשטעלען זיך. ווארום יעדער לי־גען, באַפּוצט מען אין אָנפאַנג מיט אמת, אום מענשען זאָלען עס גלוי־בען און עס באַוואונדערען. נור אויב מיר ווילען די זאַך ריכטיג און עהר־ליך אָפּשאַצען, דערגרונטעווען זיך אין איהר גאַנצער ערנסטקייט, מוז מען ווארטען ביז צום ענדע, ביז דעם לעצטען סטאַפּ.

די פּראַקטיקע ווייזט אונז, אז פילע שקרים און כזבים, האָבען זיך איינגעבירגערט אין דער וועלט, און מענשען ווערען פארבלענדעט און פאָלגען עס נאָך, נור ווייל מען האָט זיך ניט אַריין געטראַכט, אין די ענ־דע פון דער זאַך צו וואָס עס קען ברייננען, און צו וואָס דאָס קאָן דער־פיהרען.

אָבער דער אויבענדערמאָנטער ילקוט, דערלייכט אונזערע אויגען, אַז מיר זאָלען ניט פארפיהרט און אָפּגענארט ווערען פון אַזעלכע שקרים, וועלכע עס איז אַ פארבלענדעניש. דעריבער מאָהלט דער ילקוט זעהר שהען דעם בילד און דערצעהלט אונז אז דער שקר האָט אויך געוואָלט אַריין כאַפּען זיך אין נח'ס תבה, און עקזיסטירען און געוועלטיגען, ריכ־טיג ווי דער אמת. אָבער דער שותף פון שקר איז דער דלות, ווארום דער שקר האָט ניט געקענט קריגען קיין אַנדער זיווג נור ווי דעם דלות. אמת אין אָנפאַנגס האָט מען ניט געקענט וויסען ריכטיג דעם כאַראַק־טער און דעם מהות פון שקר, אָבער ביי ענדע איז אַלעס וואָס דער שקר האָט אָנגעקליבען און אָנגעזאַמעלט, האָט עס דער דלות צוגענומען, און דער שקר איז געבליבען הויל און נאַקעט ביי גאָר ניט, אָט ביי דער ענדע וויסען מיר שוין יאָ דעם געשטאַלט און מהות פון שקר.

און פון דעם דאַרפען מיר פארשטעהן און לערנען, אויך אַז ביי אַלע פּראָבלעמען אין דער וועלט, דאַרפען מיר זיך ניט איילען און מחליט זיין אויף דעם מהות, גלייך אין אָנפאַנגס, נור ביי דער ענדע, ואיזהו חכם הרואה את הנולד.

יח.

דער איז אַ העלד וועלכער פאַרלירט זיך ניט אין זיין געפאַלענקייט

והיה זרעך כעפר הארץ. — ובמדרש מה עפר הארץ מבלה את כל כלי מתכות והוא קיים כך בניך מבלים את כל העכו"ם והם קימים

עס איז אַ אַנגענומענער כלל ביי דער וועלט, אַז דער יעניגער איז אַ גבור, און מ'האָט מורא זיך אַנהויבען מיט איהם, ווער עס איז קערפערליך שטאַרק און געזונד. ער איז געבויט פעלזען פעסט, זיינע גלידער זיינען ווי שטיקער אייזען, און ווען ער נעמט אריין אין זיינע הענט, קומט שוין יענער ניט אַרוים לעבעדיג. אָבער דער יעניגער, וועלכער האָט ניט אַזעלכע שטאַרקייט אין זיינע גלידער, ער לאָזט זיך שלאָגן, ער בויגט זיך פאַר יעדען, ער איז אַ נרדף, ער הערט ווי מען פאַרשעהמט איהם און ער שווייגט. אַזאַ מענשען האַלט מען פאַר אַ שלים-מזל, פאַר אַ טרום, פאַר אַ פייגלינג, פאַר אַ שוועכלינג. און אַזוי ווי ביים איינצעלנעם מענשען, אַזוי אויך איז דער שיקזאל ביי אַ גאַנצען פאָלק.

דער פאָלק וועלכער ווייזט שטענדיג זיינע פויסטען, ער שרעקט אימער דער וועלט, מיט זיין שאַרפען שווערד, און וואַרפט אַרויף אויף זיי אַ מורא מיט בלוט-פאַרגיסונג, אַט דער פאָלק איז אַ גבור, איז אַ העלד. מען קניעט זיך פאַר איהם, מען פאַלט פאַר איהם. מען שמייכעלט צו איהם, מען חנפה'ט איהם, מען גלעט איהם. מען קוקט איהם אין די אויגען, וואָס פאַר אַ מינע ער מאַכט.

אָבער דער פאָלק וועלכער פיהרט זיך ניט אַזוי, אין זיין כאַראַקטער ליגט ניט אַזעלכע אַמביציעס, נור פאַרקעהרט, אין זיין כאַראַקטער ליגט

פריינדשאפט, ליבשאפט, שטילקייט, אַט דעם פֿאָלק האַלט מען פֿאַר אַ שוואַכען.

פֿון דעם שטאַנדפּונקט איז דער אידישער פֿאָלק דער שוואַכסטער. ווייל ער איז דער גרעסטער נרדף אין דער וועלט, מעהרער פֿון אַלע פֿעלקער, און די אַנדערע פֿעלקער, וועלכע האָבען געוואָרפֿען זייער שרעק אויף דער וועלט, זיי זיינען דאָס די גבורים, די העלדען.

דעריבער קומט דער אויבען־דערמאָנטער מדרש אונז צו ערקלערען, אַז עס איז ניט אַזוי, אין געגענטייל, ווער איז אַ גבור און אַ העלד, ווער עס קען צונעמען די קלעפּ, וועלכע ער באַקומט פֿון זיינע אָנגרייפֿער, און דאָך שטעלט ער זיך אָפּ לעבען, ער פֿאַלט ניט, ער פֿארלירט זיך ניט. ער ווערט ניט ערמוטיגט. ער שטרענגט אָן זיינע קרעפֿטען צו בלייבען אויף זיין שטאַנד, אויף זיינע פֿיס, און ער עקזיסטירט און זעצט פֿאַר ווייטער זיין עקזיסטענץ. פֿון דעם שטאַנדפּונקט איז דער אידישער פֿאָלק, דער גרעסטער העלד אין דער וועלט. וואָרום ווער נאָך ווי דער אידישער פֿאָלק האָט אַריינגענומען אין זיך אַזוי פֿיעל קוילען און קלעפּ פֿון זיינע שונאים, און דאָך געבליבען לעבען און ניט געגאַנגען צום גרונט און פֿארלוירענקייט.

דאָס איז געווען די ברכה פֿון רבש״ע צו יעקב אבינו, ווי דער מדרש טייטשט עס אוים: והיה זרעך כעפר הארץ, דיינע קינדער וועלען זיין ווי די ערד, און ווער איז נאָך אַזוי נידריג ווי די ערד, אַלע טרעטען אויף איהר, אַלע שמוטץ ווערט געגאָסען אויף איהר, און זי מוז אַלעס לייַדען, און פֿון דעם איז זי שטאַרקער פֿון אַלעם און פֿון אַלעמען, ווייל זי לעבט איבער אַלעמען, אַזוי וועט זיין מיט יעקב׳ס קינדער, זאָגאַר אַלע טרעטען אויף זיי, דאָך וועלען זיי אַלע רשעי ארץ איבערלעבען.